הילף איז נייטיק געווען. אין איר שטילן, באשיידענעם גאנג, האט זי אין זיך אויפגענומען יענעמס ליידן. האט קיינמאל נישט איבערגערעדט ווען זי האט עפעס פאר אנדערע געטון. ווי א פרומע נשמה, האט זי אפגעהיטן יענעמס לייד, קיינער זאל נאר נישט פארשעמט ווערן דורך איר.

תמיד אן אפן הויז ביי די ראזנערס, תמיד ארומגערינגלט מיט פריינט. נישט בלויז מאטעריעלע הילף האט חנה געגעבן, נאר אויך פארשטאנען צו העלפן, לייכטער צו מאכן יענעמס געמיט. זי האט אלעמאל געהאט דאס נייטיקע ווארט; א ווארט פון טרייסט און הערמוטיקונג. ביי מיר איז געבליבן גוטע, הארציקע זכרונות וועגן חנהן זינט די ערשטע טעג פון מיין געפינען זיך אין לאנדאן. איך בין געקומען צו משפחה, בין אבער געווען פרעמד און געבענקט צו זעען אלטע פריינט פון דער היים. איך האב געוואוסט, אז עס געפינען זיך א טוץ פון זיי אין לאנדאן. נאך א טאג דא זיין, האב איך דעם ערשטן געטראפן מיין אלטן גוטן פריינט פון לאדזש, נתן גוטער. און ער האט באלד צו וויסן געגעבן וועגן מיר. דעם אנדערן טאג איז שוין געקומען חנה ראזנער מיט חנה קויפמן מיך צו זעען.

חנה ראזנער האט צוזאמענגערופן א צאל לאדזשער פריינט זיך צו פרייען מיט דער „קליינער רחלע", און עס איז טאקע געווען א פרייד. זי איז געווען די ערשטע מיט מיר צו גיין אין באטאנישן גארטן. זינט יענער צייט בין איך שוין דארט פיל מאל געווען, אבער מיין ערשטער איינדרוק איז אלעמאל פארבליבן מיט מיר. יענע שעהן פון מיין זיין אין דעם גארטן וועל איך תמיד געדענקען, און עס וועט אויך אלעמאל זיין פארבונדן מיט דער פארשטארבענערס נאמען. זי האט מיך געפירט נאך העמסטעד, וואו איינמאל א וואך שטעלן קינסטלער אויס זייערע בילדער אויף דער גאס צו פארקויפן. דאס איז גאר א גרויסער, גייסטיקער פארגעניגן.

חנה זאגט מיר אמאל: „רחל, מיר וועלן גיין נאך קענוואוד. דו וועסט גערן דארט זעען די קונסט־בילדער און די ביבליאטעק און אסך אנדערע שיינע זאכן". יא, איך האב דארט אלץ אסך מער ווי גערן געהאט. עס האט מיך אלץ טיף באגייסטערט. חנה האט פארשטאנען צו וויזן די אלע שיינקייטן פאר מענטשן, וואס האבן פון זיי נישט געוואוסט; איבערהויפט ווען ס'האט געהאט צו טון מיט א מענטשן, וועמען די שטאט איז געווען פרעמד. איך בין איר פון הארצן געווען דאנקבאר פאר דעם אלעם. איך האב פארשטאנען, אז דאס קאן טון נאר א מענטש מיט א פיין פילנדיקער נשמה.

חנה וועט אסך פון אונז פעלן דא אין לאנדאן, אפשר מער ווי אן אנדערע פערזאן. אין א ווינקעלע פון מיין הארץ איז פארבליבן עפעס, אדאנק וועלכן איך וועל אלעמאל חנהן געדענקען מיט טיפער אכטונג.

צו מיין פריינט בערל וויל איך זאגן: איך ווייס וואס איר לעבט איצט איבער. איר זענט פאריתומט און פאראיינזאמט געווארן, און עס איז נאך שווערער ווען דאס טרעפט אין דער שפעטער צייט אין לעבן. אבער ליבער בערל, טרייסט אייך מיט דעם וואס איר זענט ארומגערינגלט פון אסך פריינט, וועלכע ווייסן און שעצן אלץ וואס איר האט געטון צוזאמען מיט אייער חנה; און די אלע פריינט וועלן אייך העלפן טראגן אייער טיפן צער! חנה ראזנער וועל איך געדענקען מיט ליבשאפט.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולט־

נומער 6־7 (העפט 7־356) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר יוני־יולי 1961 לאָנדאָן

טיף אין טרויער איבערן טויט פונם שרייבער י. י. טרונק, ע״ה.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

צו דער אייכמאַן־שבועה, ביי לייטן * * ...... 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער פאַרראַט פון בר־כוכבא אויפשטאַנד) יעקב ריכטיגער ...... 2
מיין (ליד) יוסף לעפטוויטש ...... 8
אין גדרה ביי תימנער יידן (סקיצע), בן־צבי בערנשטיין ...... 9
די מעצענאטקע (דערציילונג) א. מ. אָרזשיצער ...... 11
פון דעם בוך „גיטאנדזשאלי" (דיכטונג) ראבינדראנאט טאגארע ...... 15
(עסיי) מ. אלמאן ...... 17
י. ל. שטיינבערג־בוך (רעצענזיע) י. וו. פאַדאָלסקי ...... 20
„עקזאדוס" (דורך מיינע אויגן) עלען ווינאגראד ...... 23
די מעשה מיטן בער (פראזע) ערנעסט העמינגוועיי, (ליד) א. נ. שטענצל 25

## פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר אָ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאָר אָ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## צו דער אייכמאַן-שבועה

„מי בהרג, מי בחנק ומי בסקילה״,
מיט אייגענעם בלוט אַליין עס פאַרשריבן
און מיט אייגענעם אש איבערגעשאָטן,
אַז ס׳געשריפטס נישט פאַרמעקט, נישט אָפּגעריבן —
„ונתנה תוקף קדושת היום״
פאַר לעצטן יום־הדין איבערגעבליבן.

אַ יום־כפור, אַ תענית תשעה־באב,
נאָך 6,000,000 צו קלאָגן און צו פאַסטן!
קוקט אים אָן דעם נבוזראדן אונזערן,
ווי נבוזהדיק ס׳זיצט אין גלעזערנעם קאַסטן,
זיין מאוס־מחמת־מוקצה מודים־שבועה,
קול־ברמה איבער דער וועלט צו „בראָדקאַסטן״.

איבער דעם אַלטן טעסטאַמענט, דעם נייעם,
שווערן ער זאָל גאַנץ דעם אמת צו זאָגן?
היטלערס „מיין קאַמף״ צי שטרייכערס „דער שטירמער״,
פאַרוואָס האָט איר אים נישט געברענגט צו טראָגן?
ער וואָלט אויף די קני אַנידערגעפאַלן
און אין האַרץ אַריין „על חטא״ זיך געשלאָגן:

„פון ווארים געוויסן איך ווער צעביסן,
א שולד כ׳בין באַגאַנגען נישט צו פארגעבן,
אויף אייראָפּעאישער ערד, אויף אַרישער,
אַז איין ייד געבליבן איז נאָךביים לעבן;
אויף העכסטן בוים הענגט מיך, ווי אַ הונט שיסט מיך,
אַלע ארבע מיתות קומט מיר צו געבן!״

דאָס בלוט אויסגעזויגן, ס׳פלייש אויפגעפרעסן,
דעם סקאַלפּ אויפן קאָפּ פעדערן באַקראַנצן,
די מאַקאַברישע טויט־מאַסקע אָנגעטון,
זיין געטער־טאַנץ איצט גייט ער טאַנצן —
ס׳האָט נאָך אַ גאָט צומאָל אַ האָטענטאָט,
בלויז אַ בילד פון זיין בילד איז ער אינגאַנצן — — —

מען שעמט זיך, אַז אַ גאָט נאָך איז פאַראַן
און אין ערלעכע ווערטער מענטשן גלויבן!
ער קאָן נאָך איצט אַזעלכע רייד זאָגן,
גאָט אַליין זיין בליק נישט קאָנען מער אויפהויבן,
פאַר חרפה דאָס פנים צו באַגראָבן,
אין אַ קופּע קרעמאַטאָריע־אַש שטויבן.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור
נומער 7־6 (העפט 7־356) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר יוני־יולי 1961 לאָנדאָן

## ביי לייטן . . .

נאָך דער לעצטער מלחמה, אַז דאָס ענגלישע פאָלק האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז טשערטשיל, זייער גרויסער העראָ, וואָס איז אין זיין יוגנד־צייט געווען אַ ביסעלע צו ראַמאַטיש־אַוואַנטוריסטיש, און ווי איינער איז צו 7 איז ער דאָך צו 70, האָבן זיי אים, מיט זייער גרעסטער אַכטונג צו אים, — אַנשטאָט צו מאַכן פאַר אַ פרעמיער! — אַריינגעשיקט אינם לאָרדן־הויז אַריין.

סטאַלין, „דעם פאָטער פון די פעלקער״, דער פאָפּ־קאַנדידאַט וואָס ער איז אין זיין יוגנד געווען, ווען ער איז געוואָרן א בן־שבעים און אָנגעהויבן אַרויס־צוווייזן זיינע סעמינאַריסטישע אַנטיסעמיטישע שטיק, האָט מען עס קורץ גע־מאַכט, — ווי די באָלשעוויקעס קענען עס! — און אים אַריינגעלייגט אין מאַוזאָלעאום. מיר ייִדן זיינען נישט קיין גוים, חלילה. מיר האָבן נישט קיין לאָרדן־הויז קיין מאַוזאָלעאום, אָבער אַ מושב־זקנים איז דאָך דאָ אין ישראל.

אַז עס גרילצט אים אין קאָפּ האָט שוין בן־גוריון אַרויסגעוויזן מיט 10 יאָר צוריק! איצט, אפנים, האָט זיך די גריל שוין צעוואָקסן מיט אַ מעשענעם שנאָבל און אייזערנע גראַטשעס, — אַז ביי אַ פלוי קאָן עס פאַר וואָס נישט ביי אַ גריל? — זיינע „וויסנשאַפט־לעכע״ מעמאָראַנדומס און טראַקטאַטן זיינען ממש ווי פון איינעם מיט אַ קופערנעם שטערן . . .

און לויט ווי אמתע און עקזאַקטע מומחים וויסנשאַפטלער ווייסן איז אַ גריל אין אויער אַ סך ערגער ווי אַ יתוש אין מוח, ווייל מען פאַרלירט דעם באַלאַנס, רחמנא ליצלון: די דאָפּלטע לאָיאַליטעט גרילצט רק אין אויער . . .

און אַז עס גייט שוין אַזוי ווייט, אַז אַזאַ הייס־באַציאָנאַליסטישער און אינטעלעקטואַל סאָציאַליסטישער ייד, ווייל שוין באַווייזן רייך שפינאָזיסטיש, אַז פון מצרים זיינען נאָר אַרויסגעגאַנגען 660 יידן, — נאַטירלעך טוט ער עס פון ריין מלוכישע אינטערעסן!... פאַר וואָס נישט, ווען עס וועט נויטיק זיין פאַר ריין פריינדלעכע אינטערעסן, — מיר מיינען דאָ פאַר זיין גרויסן פריינט אַדענאַוער, אַז די דייטשע אַרמיי, אָנגעגאַרט מיט ישראלדיקע תשעה־באב ביקסלעך, זאָל אַריבער די וואַסערן פון די נייסע און עלבע און די אָדער — טאָ פאַר וואָס זאָל ער דעמלט נישט קענען באַווייזן, אונזער פרעמיער בן גוריון, אַז אַנשטאָט 6,000,000 מיליאָן גלות־יידן אין די גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריומס, זיינען גאָר געגאַנגען 6000 — דער חשבון איז צדק? שישים „ריבוי״ פיש, און געלד אויפן טיש . . .

ווען גרויל־געלד־בילאַנסן פאַרגרילצן דאָס פריינדלעך־לאָיאַלע אויער איז שווער צו האַלטן באַלאַנס, גייענדיק אויף דער פאַפּירענער בריק: „פעמים באהבה״ — — —

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## דער פארראט פון בר כוכבא אויפשטאנד

מיר האבן ניט א געשיכטע פארפאסט פון א ייד, וואס האט געלעבט נאענט דער צייט פון בר כוכבא אויפשטאנד, אזוי ווי די זקני בית שמאי און בית הלל האבן פארפאסט דעם ספר חשמונאים. עס איז אויך ניט איבערגעבליבן קיינער פון די קעמפער צו באשרייבן די דאמאלטיקע געשעענישן, אזוי ווי יוסיפון־פלאוויוס האט באשריבן די מלחמה פון די יידן קעגן די רוימער. די איינציקע היסטאריקער, וואס האבן אגב אורחא דערמאנט דעם בר כוכבא אויפשטאנד, זענען געוועזן דער רוימישער געשיכטע שרייבער טאציטוס און דער גריכישער געשיכטע שרייבער דיא־קאסיוס. הגם דאס וואס זיי האבן פארצייכענט איז זער איינזייטיק לטובת די רוימער, דאך וויזט זיך ארויס פון די קורצע עפיזאדן, וואס זיי דערציילן, אז עס זענען געפאלן אין די שלאכטן צוויי מאל אזוי פיל רוימישע סאלדאטן ווי יידישע און לויט דיא־קאסיוס האבן די רוימער אומגעבראכט קנאפע זעקס מאל הונדערט טויזענט מאן פון בר כוכבאס ארמיי. אז דער רוימישער סענאט איז ניט געווען אזוי שטארק צופרידן פון דער מלחמה, ניט קוקענדיק וואס דער גענעראל יוליוס סעווערוס האט אונטערדריקט דעם אויפשטאנד, איז צו זען פון דעם וואס זיי האבן ניט געפייערט קיין נצחון חגא און ניט דערהויבן אים צו א העכערן ראנג.

די אמתע היסטארישע סיבה פון בר כוכבא דורכפאל איז געווען פארראט. אין יענער צייט האט זיך אנגעהויבן ביים יידישן פאלק די שטורמישע תקופה פון משיחיזם. דער געדאנק פון א הימלישן משיח, וואס דניאל דער בעל חלומות האט אריינגעבראכט אין יידישן וועלט באנעם און איז דורך די בית־איסים פארשפרייט געווארן צווישן יידישן פאלק אין א פארשטעלונג אז גאט וועט זיך פארקערפערן אין א מענטש וואס וועט איינפירן זיין מלכות שמים אויף דער ערד, האט דאמאלט דערגרייכט דעם שארפסטן קערפונקט אין דער יידישער געשיכטע. דאס לאנד איז געווען חרב, דאס פאלק פארדריקט און די צוקונפט האט אויסגעזען א פינסטערע, פול מיט שטרויכלונגען, די גזרות פון דער גרויסער רומישער אימפעריע אויף דעם שארית הפליטה זענען געווען אומדערטרעגלעך די יונגע און שטארקע זענען אומגעקומען אין דער מלחמה זייערע פרויען און קינדער האבן אנגעפילט די רוימישע שקלאפן מערק, די אלטע און שוואכע זענען אויסגעגאנגען פון הונגער אין לאנד, אדער פארפייניקט געווארן צום טויט. די איינציקע טרייסט, וואס עס איז געבליבן דעם יידישן פאלק, איז געווען די האפענונג אויפן קומען פון דעם גאט־משיח, ווי די בית־איסים האבן פאראויסגעזאגט אין זייערע מיסטישע ספרים, אז ער וועט אויפשטעלן א מלכות שמים אויף דער ערד.

אן אילוסטראציע פון דעם דעמאלטיקן יידישן געדאנקן גאנג איז די ווייטער ציטירטע דערציילונג פון תלמוד: „א ייד האט געאקערט זיין פעלד,



פלוצים האט אן אקס פון די צוויי אקסן, וואס זענען געווען איינגעשפאנט אין אקער־אייזן, געבעטשעט. האט א דורכגייענדיקער אראבער געזאגט צו ייד— ייד! ייד! שפאן אויס די אקסן און לאז שטיין דעם אקער־אייזן, דיין בית המקדש איז חרב געווארן. א ווײלע שפעטער האט דער צווייטער אקס געבעטשעט, האט דער אראבער געזאגט צו אים — ייד! ייד! שפאן איין די אקסן און אקער ווייטער, משיח איז געבוירן געווארן. דער ייד האט ניט מער געוואלט אקער ווייטער, משיח איז געבוירן געווארן. דער ייד האט ניט מער געוואלט צו הערן דעם אראבער, ער האט איבערגעלאזט די אקסן מיטן אקער־אייזן און איז אוועק אין דער וועלט זוכן דעם משיח"... (ירושלמי ברכות פ"ג ה"ד) דערפון איז קלאר צו זען, אז א טייל יידן האבן דעמאלט געגלויבט — משיח וועט זיין א וועלט רעפארמער, פון אלע לענדער וועט ער מאכן איין לאנד און פון אלע פעלקער איין פאלק, מיטן ארויפצווינגען אויף אלע מענטשנקינדער א מאנאליטישע קולטור, אזוי ווי די בית־איסים האבן פאראויסגעזען, דעריבער האט דער ייד געלאזט אויף הפקר זיין לאנד ווען ער האט געהערט אז משיח איז געבוירן געווארן.

אבער ניט אלע יידן זענען ארונטערגעפאלן אונטער דער השפעה פון די בית־איסים, די אמתע תלמידים פון הלל האבן געוווסט אז הלל האט באקעמפט מיט דעם „דעלך סני לחברך לא תעביד": וואס דו האסט פיינד זאלסטו ניט טוען צו דיין פריינד, (שבת ל"א) די טעאריע פון די בית־איסים, אז מיטן אנלאקן פרעמדע צו א מאנאליטישע קולטור וועט קומען שלום אויף דער וועלט. זיי האבן טאקי צוריק געפינען אין תורת משה, אז איר לייטמאטיוו איז — „ואהב גר לתת לו לחם ושמלה": מען זאל אויסדריקן די ליבע צום פרעמדן מיט געבן אים ברויט צו עסן און קליידער אנצוטוען, ניט מיט אנלאקן אדער צווינגען אים אנצונעמען דעם יידישן דענקן און לעבנסשטייגער. „כי גרים הייתם בארץ מצרים": ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים. (דברים י') דארפט איר וויסן דעם געמוט־צושטאנד פון א פרעמדן, איר דארפט איינזען אז דערמיט וועט איר אים טרייבן אויף צו שטיין קעגן אייך אזוי ווי איר זייט אויפגעשטאנען קעגן די מצרים. די בית־איסימשע טעאריע פון איינשטעלן א מלכות שמים אדער א מאנאליטישע קולטור אויף דער ערד וועט דעריבער פירן צו וועלט מלחמות, ניט צו א וועלט שלום. אין הסכם מיט תורת משה האט דער נביא מיכה אנגעוויזן אז יושר און טאלעראנץ וועלן זיי די יסודות פון וועלט שלום. ער האט געזאגט: „די פעלקער וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקער־אייזנס, און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס, א פאלק קעגן א פאלק וועט ניט הייבן א שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה, ווייל איטלעכער וועט זיצן אונטער זיין ווײנשטאק אדער זיין פייגנבוים און פאר קיינעם ניט מורא האבן... ווייל יעדעס פאלק פון די פעלקער וועט מעגן גיין אין נאמען פון זיין אלמעכטיקן"... (מיכה ד')

אין יענער צייט, ווען די בית־איסים האבן פארשפרייט זייער אידיי פון א מלכות שמים אדער א מאנאליטישע קולטור, איז די גאנצע ניט־יידישע ציווי־

ליזירטע וועלט ארומגעגאנגען זוכן א נייעם גלויבן. די טראדיציאנעלע געטער מיט זייער פרימיטיווער מיטאלאגיע און בארבארישע מנהגים האבן ניט מער אפילירט צו זייער ניכטערן פארשטאנד, און זיי וואלטן מסתמא מיט דער צייט איבערגענומען דעם ערשטן סאציאלן פרינציפ פון תורת משה צו טאלערירן אן אנדערנס דענקן און לעבנסשטייגער, אויב די בית־איסים וואלטן זיי ניט אנגעלאקט צו זייער אידיי פון א מלכות שמים אדער א מאנאליטישע קולטור, וואס איז ניט מעגלעך איינצופירן סאידן מיט אנלאקן אדער מיט צווינגען אלע מענטשנקינדער צו האבן אן איינהייטלעכן דענקן און לעבנסשטייגער די תלמידים און אנהענגער פון הלל זענען דעריבער, ניט ווילענדיק, פארוויקעלט געווארן אין א קאמף פאר זייער רעכט צו זיין אנדערש ווי די אנדערע, און ניט אליין כלפי חוץ — קעגן די רוימער האבן זיי זיך געדארפט פארטיידיקן, נאר אויך כלפי פנים — קעגן זייערע אייגענע יידישע ברידער, ווייל די בית־איסים האבן שוין געהאט אריינגעשמוגעלט אין דעם יידישן וועלט באנעם די אידיי פ:ז א מלכות שמים אדער א מאנאליטישע קולטור.

די אומות העולם, ווייל זיי האבן געזוכט א פרישן צוגאנג צו זייערע אמונות זענען צופרידן געווען מיט דער נייער מיטאלאגיע און זיטלעכע מנהגים, וואס די בית־איסים האבן זיי געגעבן פאר זייער אלטן געטער קולט. זייער גוטער גאט איז ווייטער אומגעבראכט געווארן פון זייער שלעכטן גאט, ווי אין זייערע פריערדיקע קולטן, דער איינציקער אונטערשיד איז געווען די נעמען פון די געטער. זיי האבן איבערגענומען פון די בית־איסים, אז נאכן אנלאקן אדער צווינגען אלע אנצונעמען זייער משיח אדער קריסט אלץ דעם מנהיג פון מלכות שמים אויף דער ערד, וועט זיין שלום. די יידן, אבער, האבן ניט געזוכט קיין פרישע אמונה, און אזוי ווי דער ערשטער פרינציפ פון זייער תורה איז — ניט אנלאקן אדער צווינגען אנדערע אנצונעמען זייער דענקן און לעבנסשטייגער, האט די אריינגעשמוגעלטע אידיי פון די בית־איסים, איינצושטעלן א מלכות שמים אדער אן מאנאליטישע קולטור געבראכט צו מחלוקת צווישן די יידן, און סתירות אין זייער אמונה ווי מען זעט דאס פון די ווייטערדיקע ציטירונגען. יוסיפון־פלאוויוס דערציילט: ווען ער האט אנגעפירט די יידישע ארמיי אין גליל, זענען צוויי עלטסטע און אנגעזעענע מענער פון די רוימער איבערגעלאפן מיט זייערע פערד, באוואפענונג און געלט צו אים. האבן די יידישע סאלדאטן געוואלט צווינגען זיי זיך מל צו זיין און ווערן יידן. האט ער ניט דערלויבט דאס צו טוען, און געזאגט צו די יידישע סאלדאטן־יעדער מענטש דארף דינען גאט לויט זיין אייגענער איבערצייגונג און ניט געצווינגען ווערן צו דינען גאט לויט א צווייטנס איבערצייגונג". (יוסיפון־פלאוויוס „די לעבנס־געשיכטע פאר. 21) און נאכן חורבן שרייבט יוסיפון־פלאוויוס: „שווערדן האט מען געזען גלאנצן אין דער לופט, ארמייען האבן זיך באוויזן צווישן די וואלקענס אויפן הימעל... נאר יחידים האבן פארשטאנען די וואונדער צייכענס און זענען איבערגעגאנגען צו די רוימער. דער גרעסטער טייל פון יידישן פאלק האט, אבער, פאלש אויסגעטייטשט די אנווייזונגען פון גורל און ניט געגלויבט אז דער משיח, פון וועלכן עס ווערט



גערעדט אין די אלטע נביאישע ספרים, איז דער רוימישער מלך אספאסיאנוס". (מלחמות פון די יידן בוך 6, קאפ, 5) די זעלבע סתירה געפינט מען ביי איינעם פון די דעמאלטיקע תלמודישע מנהיגים, רבי יוסי בן קסמא. ער דערציילט: „איך בין אמאל געווען אונטערוועגס האט מיך געטראפן א מאן און מיר געגעבן שלום, האב איך געענטפערט שלום. האט ער געזאגט צו מיר — רבי פון וועלכע שטאדט קומט איר? האב איך אים געענטפערט פון א שטאדט א גרויסע מיט חכמים און סופרים. האט ער געזאגט צו מיר — רבי אויב איר ווילט זיך באזעצן אין מיין שטאדט וועל איך אייך געבן טויזענט מאל טויזענט גאלדענע רענדלעך, דיאמאנטן און פערעל, האב איך אים געענטפערט — ווען אפילו דו וועסט מיר געבן דאס גאנצע זילבער, גאלד, דיאמאנטן און פערעל וואס זענען פאראנען אין דער וועלט וועל איך נאר וווינען אין א שטאדט פון תורה". (פרקי אבות פ"ו) אבער ווען דער רוימעשער מלך אדריאנוס האט פארבאטן צו לערנען תורה איז דאס ביי אים געווען א גזרה פון הימעל, אז רבי חנינא בן תרדיון איז געקומען אים מבקר חולה זיין, האט ער געזאגט צו רבי חנינא: ברודער, ווייסטו ניט אז דאס רוימישע פאלק איז פון הימעל באשטימט געווארן צו באהערשן די וועלט? זעסטו דען ניט דאס פון דעם וואס זיי האבן חרב געמאכט דעם בית המקדש, פארברענט דעם היכל, אויסגעהרגעט די פרומע דאך עקזיסטירן זיי? איך האב געהערט זאגן אז דו ביזט עובר אויף זייער גזרה, דו לערנסט מיט דיינע תלמידים תורה אין דער עפנטלעכקייט? האט אים רבי חנינא געענטפערט־מען וועט זיך פון הימעל דערבארעמען אויף אונז. האט רבי יוסי בן קסמא זיך אויפגערעגט און געזאגט צו אים — איך רעד צו דיר לאגיש און דו ענטפערסט מיר — פון הימעל וועט מען זיך דערבארעמען? איך וועל זיין פארוואונדערט אז מען וועט דיך ניט פארברענען צוזאמען מיט דער תורה. (עבודה זרה י"ח)

פון די צוויי היסטארישע ציטירונגען קאן מען קלאר זען אז לויט דער מיינונג פון א טייל יידן איז דער אויפשטאנד קעגן דער רוימישער אונטערדריקונג, פון יידישן דענקן און לעבנסשטייגער, געווען א גרויסע זינד, זיי האבן געגלויבט באמונה שלימה אז אזוי וויל מען פון הימעל, עס איז דעריבער קיין ווינדער ניט וואס דער געראנגעל אין די יידישע רייען וועגן משיחיזם איז געווען די סיבה פון בר כוכבא דורכפאל. שמעון בן כוסיבא האט זיך ניט אנגערופן בר כוכבא און אויך ניט מלך משיח דאס זעט מען בפירוש פון זיינע בריוו, וואס זענען לעצטענס אנטדעקט געווארן איז די בערג פון יהודה, אויף די בריוו שרייבט ער זיך אונטער „שמעון בן כוסיבא נשיא ישראל": שמעון זון פון כוסיבא דער פרעזידענט פון ישראל. נאר אין תלמוד ווערט איבערגעגעבן פון רבי שמעון בן יוחאי אז רבי עקיבא האט אים אנגערופן „בר כוכבא און געזאגט אז ער איז משיח. דאס הייסט: ניט ביים פאלק אדער אין זיין ארמיי האט מען אים געהאלטן פאר אן איבערמענטש — וואס מען זעט טאקי אויך פון די געפונענע בריוו. נאר אין בית המדרש האט מען דיסקוטירט צי ער איז דער בן דוד וואס די נביאים האבן פאראויסגעזאגט זיין קומען אדער ער איז א

פאלשער משיח, בר כוכבא מיט זיינער זעקס הונדערט טויזנט סאלדאטן האבן דערווייל אנגעווארפן א שרעק אויף דער רוימישער באזעצונגס ארמיי. צעטומעלט זענען די אפיצירן געווארן זעענדיק אז די יידישע יינגלעך, וואס האבן נאכטן אויסגעשטעקט זייערע העלזער צום רוימישן מעסער, קעמפן היינט ווי די לייבן, און פאר יעדן געפאלענעם פון זיי מוזן די רוימישע לעגיאנערן באצאלן כפל כפלים. איין שטאדט נאך דער צווייטער איז פארנומען געווארן פון בר כוכבא און די לעגיאנערן האבן אנגעהויבן צו דעזערטירן פון פראנט דערציילענדיק איינער דעם צווייטן די אויסערגעוועגליכע גבורה פון דעם יידישן גענעראל. — „ער לייגט אריין אין זיין שליידער־געצייג עטליכע שטיינער ווארפט זיי און דערהרגט א סך מענטשן אין איינמאל״. ווען די נייעס איז אנגעקומען קיין רוים, האט אדריאנוס באשלאסן צו אונטערהאנדלען א שלום מיט בר כוכבא׳ן, ווייל עס זענען אנגעקומען באריכטן פון אנדערע לענדער אין דער אימפעריע, אז מען גרייט זיך צו רעוואלטירן קעגן רוים. האט ער מורא געהאט מען זאל זיך ניט דערוויסן וועגן דער שוואכקייט פון רוים׳ס מיליטערישער מאכט.

צי די אָנהענגער פון רבי עקיבא׳ס מיינונג וועגן בר כוכבא׳ן, האָבן זיך אַקטועל באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד, צי ניט, איז שווער פעסטצושטעלן, די פיר און צוואנציק טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא, זענען אומגעקומען פאר דעם אויפשטאנד, די רוימער האבן זיי געקרייצט כאפענדיק זיי לערנען תורה ברבים, דאס וואס די גמרא זאגט — „וכולם מתו באסכרא״ איז אן אנדייטונג אויף דעם גריכישן ווארט „קראס״, אין אגרת דרבי שרירא גאון שטייט „והשמידו״: זיי זענען פארניכטעט געווארן, דאמאלט איז רבי שמעון בן יוחאי נאך געווען א יינגעל און איז געקומען צו דער תפיסה ווו רבי עקיבא איז געזעסן, ער זאל מיט אים לערנען תורה, און ווען רבי עקיבא האט געזאגט אויף בן כוסבא אז ער איז מלך משיח, איז שוין רבי שמעון בן יוחאי געווען דערוואקסן, און צו די אנהענגער פון רבי עקיבא האבן זיך שפעטער באטייליקט אין אויפשטאנד ווייס מען ניט, אבער אז די קעגנער פון רבי עקיבא׳ס מיינונג וועגן בר כוכבא׳ן האבן בר כוכבא׳ן דערהרגט און איבערגעגעבן די פעסטונג ביתר צו אדריאנוס לעגיאנערן איז בפירוש פארשריבן.

בר כוכבא האט פארשטאנען אז רבי עקיבא׳ס באגייסטערונג וועט אים ניט ברענגען קיין גוטס, ווייל דאס וואס רבי עקיבא גיט אים דעם הויכן טיטעל „מלך משיח״ וועט אנרייצן די קנאים זיי זאלן אים אפרוימען פון וועג. האט ער זיך געבעטן ביי זיי — „לא תסעוד ולא תסכוף״: העלפט מיר ניט און פארניכטעט מיך ניט. ווערט דערציילט אין אן אגדה „בר כוכבא האט פרעטענדירט אז ער איז משיח (ריכטיק האט רבי עקיבא דאס געזאגט אויף אים) האבן די תלמידים פון רבי יוחנן בן תורתא — די רבנן אנגעוויזן אז דער משיח מוז זיין „א מורח וודאין״: ער מוז פילן דעם אמת, ווי דער נביא האט פאראויסגעזאגט אויפן בן דוד — „והריחו ביראת ד׳ ולא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח״: ער וועט פילן גאטספארכטיקייט, ניט לויט דעם וואס זיינע אויגן וועלן זען וועט



ער משפטן און ניט לויט דעם וואס זיינע אוירן וועלן הערן וועט ער שטראפן. (ישעיה י״א) ווען עס איז צו די רבנן קלאר געווארן אז בר כוכבא האט ניט די אינטואיציע: דעם רוח הקודש צו פילן דעם אמת, ווער עס איז גאטספארכטיק, האבן זיי אים דערהרגט. (סנהדרין צ״ג)

דערוווּסט האבן זיי זיך אז בר כוכבא איז ניט משיח דורך די ווייטערדיקע געשעעניש. ווען אדריאנוס האט געוואלט שלום מאכן מיט בר כוכבא׳ן איז געקומען צו אים א כותאי: א יידישער קריסט, דעמאלט האבן זיך די יידישע קריסטן נאך ניט געהאט אפגעריסן פון יידישן פאלק און מען האט זיי געהאלטן אז זיי זענען א סעקטע אדער א כת פון די פרומע יידן, דער כותאי האט אויסגעזאגט דעם סוד צו אדריאנוס׳ן אז א טייל פון די פרומע יידן האבן פיינט בר כוכבא׳ן און זיי ווילן אים דערהרגענען, נאר אין ביתר איז דא אן אלטער רבי, א פריינד פון בר כוכבא, רבי אלעזר המודעה איז זיין נאמען און ער לאזט ניט די פרומע זאלן עפעס טוען צו ברכוכבא׳ן. אויב אדריאנוס וועט באפעלן די לעגיאנערן זיי זאלן איז העלפן אריינשמוגלען זיך קיין ביתר וועט ער אפרוימען פון וועג דעם רבי און בר כוכבא׳ן.

מען האט טאקי געהאלפן דעם כותאי אריינקומען אין שטאדט, איז ער געגאנגען צו רבי אלעזר המודעה און אים עפעס איינגערוימט אין אויער בעת ער האט געדאווענט, האבן מוסרים דערציילט בר כוכבא׳ן אז רבי אלעזר המודעה, זיין פריינד, האנדעלט אונטער מיט די רוימער איבערצוגעבן זיי די פעסטונג. איז בר כוכבא געקומען צו רבי אלעזר המודעה און האט פארלאנגט ער זאל אים זאגן, וואס ער האט גערעדט מיט דעם כותאי, איז זיין ענטפער געווען, אז ווען ער דאווענט הערט ער ניט וואס מען רעדט צו אים. בר כוכבא האט שוין דעמאלט חושד געווען יעדן פרומען אין פארראט און אין זיין אויפרעגונג האט ער מיט זיין פוס א קאפע געגעבן דעם אלטן רבי אלעזר המודעה און אים דערהרגט. איז ארויס א בת קול: מען האט געשריגן אין די גאסן „הוי רעי האליל״: וויי צו דעם געצנדינערישן פאסטוך, די שווערד וועט אפהאקן זיין רעכטע האנד און אויסשטעכן זיין רעכטן אויג... (זכריה י״א) איצט האבן די רבנן געזען אז בר כוכבא קאן ניט זיין דער בן דוד ווייל ער איז ניט א „מורח וודאין״: ער האט געגלויבט דאס עדות זאגן פון אנדערע און ניט געפילט אז רבי אלעזר המודעה זאגט ניט קיין ליגן, האבן זיי אים אונטערגעווארפן א גיפטיקע שלאנג וואס האט אים געביסן און ער איז פון ביס געשטארבן. (ירושלמי תענית פ״ד)

נאכן אומקום פון בר כוכבא האבן זיי איבערגעגעבן ביתר אין די הענט פון די רוימער. די לעגיאנערן זענען באפאלן די באפעלקערונג און די שחיטה איז געווען אזא שרעקליכע, אז דאס בלוט האט זיך געגאסן אין מיטלענדישן ים אריין און אים רויט געמאכט ביז ציפרים. דעמאלט איז די ווידערשטאנדס קראפט פון יידישן פאלק צעבראכן געווארן אויף דור דורות און וועט ערשט צוריק קומען אין דער צייט פון בן דוד. רבי עקיבא איז דעמאלט פארמסרט געווארן אז ער האט בר כוכבא׳ן אנגערופן מלך משיח, האט מען אים צום

צווייטן מאל געפאנגען גענומען און פארמוטשעט צום טויט, עטליכע פון רבי עקיבא׳ס תלמידים זענען אנטקומען צווישן זיי איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, ער האט זיך באהאלטן מיט זיין זוהן אלעזר אין א הייל, ווו די סעקטע אסיים האבן זיך אויפגעהאלטן. פון די אגדות און פון זהר וואס ווערט אים צוגעשריבן, ווייזט זיך ארויס אז רבי שמעון בן יוחאי האט איבערגענומען זייער קבלה־איסטישע לערע און איז געווארן דער גרעסטער פון זיי.

אפשר איז טאקי א גרויסער שייכות צווישן די הילולא דרבי שמעון בן יוחאי, וואס די פרומע יידן פייערן אין ל״ג בעומר. צי דערמאנען די יאר צייט פין רבי שמעון בן יוחאי, און די פיילנבויגענס וואס מיר האבן געשפילט זיך מיט זיי אין ל״ג בעומר. אפשר האט דאס יידישע פאלק דעמאלט מורא געהאט צו מאכן אן אנדענקונגס טאג פון דעם אויפשטאנד. האט מען אים פארשלייערט מיט א יאר־צייט פון רבי שמעון בן יוחאי, וואס איז געווען דער לעצטער פון רבי עקיבא׳ס תלמידים און הייסט שמעון אזוי ווי בר כוכבא. אויך דאס וואס די אגדה זאגט, אז אזוי לאנג ווי רבי שמעון בן יוחאי האט געלעבט איז ניט געווען צי זען א רעגנבויגן, איז אפשר אן אנדייטונג פון די העלדישע קעמפער אין בר כוכבאס ארמיי וואס האבן פארטריבן פון יידישן לאנד די בארומטע רוימישע בויגנשיסער.

אבער ניט די אכצן הונדערט יאר פון זינט דעם בר כוכבא אויפשטאנד ווו מיר האבן ארומגעוואנדערט איבער די לענדער פון דער וועלט אוועקגעבענדיק די ערע פון אונזערע טעכטער פאר א נאכט לעגער און די נשמה פון אונזערע זין פאר א ביסן ברויט. און ניט אונזער לעצטע גרויסע קאטאסטראפע, ווו עס זענען אומגעקומען זעקס מיליאן פון אונזער פאלק. האט אונז באפרייט פון דער אלטער ביתאיסימישער אילוזיע וועגן א מלכות שמים. נאך געפינט זיך ביי אונז סעקטן וואס גלויבן אז אונזער אויסלייזונג וועט זיך ערשט דאן ווען א הימלישער משיח וועט קומען און סעקטן וואס האפן אז די קאמוניסטישע מאנאקולטירעלע גזעלשאפט וועט זיין די ישועה.

## יוסף לעפטוויטש

### מיין מיין

איך זאג ארויס מאדנע ווערטער,
איך שרייב אותיות וואס זענען מיר ניט קלאר,
איך שטאַמל אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען,
איך פארנעם ניט זייער גאנצן וואר.

פאראן א מיין וואָס בינדט זיי צוזאמען,
אויב איך קען נאָר געפינען דעם סוד.
בעת איך זוך, קען איך ניט וויסן,
צו ס׳באַפעלט אדער ס׳פארבאט.



דאָך איז דאָ צווישן מיינע קלאַנגען,
צווישן די זילבן וואס איך שרייב,
אַ וואָרט וואָס וועט זיך אומזיכער פאַרעמען,
און ס׳וועט זיין קלאר ווי דאס אייגנע לייב.

דאַן וועט אַלץ מיין געזאָגטס און געשריבנס,
ווערן ריכטיק צוגעפאסט צום ארט.
און וואס איך האב תפילהדיק באגערט,
וועט באקומען איר תיקון דארט.

צווישן דעם געמיש וואס האט קיין זינען,
צווישן די קלאנגען וואס זאגן קיין זאג ניט,
דארט ווו איך שלעפ זיך איצט געשטרויכעלט,
וועל איך גיין מיט פעסטע קלארע טריט.

## בן צבי בערנשטיין

### אין „גדרה“ ביי א תימאנער יידן

משה בן גבריאל איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע טיפן, וועלכע איך האב קענען געלערנט אין „גדרה“. ער איז א תימנ׳ער ייד. א אלטער מאן, א בן שבעים, און זיין שיינער קאפ מיט דער לאנגער געקרייזלטע גרייז־גרויער בארד, מיט קנייטשען־באדעקטער שטערן, איינגעפאלענע, בלאסע באקען, האלב־פערמאַכטע און שטארק פערטראכטע אויגען.

געקומען איז משה בן גבריאל קיין „גדרה“ פאר 8 יאר צוריק, אבגעריסן און אבגעשליסן איז ער געקומען קיין ישראל מיט זיין גאנצער משפחה. ער האט נישט געוואלט מער זיין אין „תימן“ און די שטארקע ליבע צום לאנד פון די אבות, וואס צווינגט דאס רוב פון אנדערע יידן, האט אים אויך א הער געבראכט, זיינע פיר דערוואקסענע זון האבן באלד געפונען ארבייט און איינגעארדנט זיך, און דער אלטער משה בן־גבריאל איז געווען שטארק צופרידען מיט זיין קומען קיין ישראל.

שבת בין איך געווען פארבעטען צו אים איך שטוב אריין: בשעת איך בין אריין אין שטוב, איז געזעסן דער אלטער משה בן־גבריאל אנגעטון אין א ווייסער „אבאיע“ (א מין קיטל), ארום דעם טיש זענען געזעסן זיינע 4 בנים און אייניקלעך.

„שבת שלום ומבורך תזכו לשנים רבות“ האב איך זיי אריינקומנדיק באגריסט אויפן ספרדישען אופן.

„נעימות וטובות, תזכו ותחיו ותאריכו ימים“ האבן מיר אלע אויף איין מאל געענטפערט און אויפשייענדיק פון זיירע ערטער האבן זיי מיר אויסגעשטעקט זיירע הענט.

נעבען שטול פון דעם אלטן, אויף דער וואנד, זענען געהאנגען א קליין פלעשעלע מיט בוימאייל און א פלעשעלע מיט וויין, צווישן בידע פלעשעלאך איז אויף א שטריקל געהאנגען א קופערן קריגעלע מיט מעהל, אין א ווינקל פון דער שטוב איז געשטאנען א שאפקאלע מיט ספרים.

פלוצלינג האט זיך דער אלטער משה בן־גבריאל אויפגעהויבן און מיט אים מיר אלע, מיט א הויכן קול האט ער אנגעהויבן א שיינעם מזרח־ניגון צו זינגען... אזמין לסעודתו... און די קינדער מיט די אייניקלעך האבן געענטפערט אין כאר:

פאטשענדיק מיט די הענט נאך דער אריענטאלישען שטייגער האבן זיי א גאנץ לאנגע צייט אזוי געזונגען. שיין איז געווען צו קוקן אויפן אלטן ר׳ משה: געטליך איז געווען זיין אויסזען און א בטעמ׳טער שמייכל האט געשוועבט אויף זיינע ליפן בעת ער איז געווען פארטיפט אין זאגען. נאך מער שטאלצער איז געווען זיין אויסזען. בעת ער איז געשטאנען און געמאכט קידוש, זייער שיינע, האלב־פארמאכטע אויגן האבן געוואונקען אין כוס אריין. וואס האט געציטערט אין זיין האנט.

ביים עסן האט דער עולם געזונגען שיינע זמירות, גערעדט צווישן זיך האבן זיי אלע העברעאיש מיט דער שנעלער ספרד׳ישער הברה. נאך א לאנגע צייט בין איך געזעסן דארט אין שטוב. בשעת איך בין ארויס געגאנגען, האט מיר דער אלטער געגעבן זיין ברכה און באגלייט ביז אויף דער גאס.

„גדרה“ איז זייער שיין ליגט אויף א הויכן בארג, און ארום א ים פון גרינע פעלדער און וויינגערטנער, וואס עס האבן אמאל געאקערט, פערזייעט און פערפלאנצט די ביל״וניקעס מיט זייער שוויס און בלוט... אין „גדרה“ האב איך געפילט די שמחה פון אונזערע קאלאניסטן, זייער געזאנג און זייער נחת. דא האב איך זיך אבער פלוצלינג דערמאנט אין די:

געסאלאך שמאלע, אין בלאטע דערטרונקענע,
הייזעלאך נידריגע, האלב איינגעזונקענע,
קליינע פענסטערלאך, מיט שויבען צובראכענע,
קומענעס פון רעגענס צעווייקטע, צוקראכענע,
געשעפטלאך מיט חלב׳ענע ליכטעלאך גראשענע,
סוחרימ׳לאך מיט פינסטערע אויגען פארלאשענע.

און ס׳איז מיר געווארן עפעס ווי פארשטערט די שמחה, איך האב מיך אין יענער מינוט דערמאנט אין מיין אמאליגען שטעטל פרעמישלאן. ווי קיין שיינע זיסע ריחות פון די אבגעשניטענע פעלדער פיהלט מען נישט. קיין פרישע געזונטע לופט שמעקט מען מעהר נישט אלעס צושטערט און צושמטערט.

פלוצלינג האב איך דערהערט פון דער ווייטענס א געזאנג:

„להיות עם חפשי בארצנו
בארץ ציון וירושלים!“



א. מ. ארזשיצער

# די מעצענאקטע

ווער האט נישט געהערט פון פויליש שטעטלע זאמאוו?

קען זיין אז פיל נישט יידן און אפשר פיל יידן אין דער גרויסער שטאט ניו־יארק, האבן נישט געהערט פון אזא שטעטל, וואס ליגט הארט ביים טייך בוג און שיינע וועלדער. ארום דער בוג שווענקט די ברעגעס פונם שטעטלע און מאכט אפטמאל דעם אנשטעל ווי ער שיקט אריין די כוואליעס א שפאציר געבן איבער שטעטלדיקע געסלעך, אבער די סאסנע־בוימער פארזיכערן שטיל און זיכער אז זיי וועלן אזא זאך נישט דערלאזן...

דאס שטעטעלע פלעגט באקן מצות און זיי שיקן קיין ווארשע. ווען יידן האבן אין ווארשע אויסגעפינען דעם טעם פון זאמאווער מצות, פלעגן זיי אראפ־שיקן ווייבער און קינדער צו דעם שטעטעלע אויף דאטשע.

וועט דאך נישט די גאנצע יוגנט פון פרום און פריי, ווארטן דאס מצות און דאטשע זאלן שפייזן א גאנץ יאר. עס וואקסן אונטער יידישע ארגאניזאציעס פון ציוניסטן און בונדיסטן, עס נעמען זיך שושקען אין די וועלדער רחמנא ליצלן אויך אזעלכע וואס מען רופט „אנארכיסטן“ און „קאמוניסטן“, און די אלע, צי פון פרומע טאטע־מאמע אדער פון ארעמען שוסטער־געסט, האבן עפעס נישט מער געקאנט געפונען געוגג לופט אין די וועלדער ארום זאמאוו, און אפילו נישט ביים מחיה׳דיקן טייך בוג. די יוגנט פארלאזט די ארעמע אדער זאטלעכע נעסטן און מען לאזט זיך איבערן ים.

און די מרס. ציפרין איז אויך געפארן. דאמאלט, באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זי געווען א יונג, שיין מיידל, און געהייסן רבקה לאכאוו. זי איז געווען א טאכטער פון א שניט־סוחר און איר האט כעמט ווי גארנישט געפעלט אין זאמאוו. אבער, ווען איר חתן פון א דערבייאיקן שטעטל איז אפגעפארן קיין אמעריקע, ווען פיל פון אירע חברים און חבר׳טעס האבן עמיגרירט קיין אויסלאנד, און איר שטעטל איז רבקה׳ן כמעט ווי נישט געבליבן מיט וועמען פון איר אלטער צו דיסקוטירן וועגן א בוך פון רוסישן שרייבער ארצי־באשעוו, האט זי אויך באשלאסן צו פארלאזן איר היים.

איר חתן מר. ציפרין, נישט צו שיין און נישט צו געבילדעט, האט רבקה׳ן נישט אריינגענומען אין א פאלאץ. ער האט פארמאגט א טיש מיט פארשידענע סחורות אין דעם גאסן־מארק פון ארעמען הארלעם וואס איז פיל באוווינט פון נעגער, און געהאט דערנעבן צוויי קליינע צימערלעך. נאר דאמאלט, ווען רבקה האט ווי ער, זיך אריינגעווארפן אין האנדל און אים צוגעהאלפן זיבן טעג א וואך, צו זעכצן און מער שעהן, האבן זיי דורך יארן און יארן, דורכגייענדיק „קאלטס און ווארמס“ ווי מען זאגט אין אמעריקע, באוויזן צו עפענען א גרויס וויין־געשעפט און אריינציען זיך צווישן א רייכע אין דעם וועסטשעסטער „סאבורב“; וווּ פאר יעדן טיר שטייען צוויי דריי אויטאמאבילן: פון מאן, ווייב און זון, און יעדן צימר, איז דא א טעלעוויזיע־קאסטן...

ביין, מרס. ציפקין, היינט שוין נישט אזוי פלינק און שיין ווי א מאל, האט נישט אויפגעגעבן אירע ראדיקאלע אנשויאונגען. אמת פון ארציבאשעווס סאנין האט זי מער נישט פיל געהאלטן, אבער פון סאציאליזם און נאך פארשידענע איזמען, איז זי נישט אפגעטראטן. זי פלעגט גיין צו קאנצערטן און רעפעראטן ווי אלע מיטלקלאס און רייכע פרויען און אמעריקע; זי האט געוווסט וויאזוי אויסצונוצן איר צייט, און כמעט ווי נישט פילן אז איר פעלט א קינד... ((וואס איז זי נעבעך שולדיק אז גאט האט איר קיין קינד נישט געגעבן ?).

מיסטער צריפרין, ווי יעדער מידער ביזנעס-מאן אין אמעריקע, פלעגט מיט אפעטיט נאכקוקן און קאנטראלירן די אקציעס זיינע אין „דזשענעראל-עלעקטריק" און טעלעפאן „בעלל" קאמפאניע, און ווי יעדער באלעבאטישער מאן, געקומען צום באוווסטזיין אז די דעה אין שטוב און מבינות אויף קולטור, ליגט ביי די פרויען און די הענט, פארפאלן, מען מוז לאזן די פרויען זאלן פירן די גראנדע און ווערן א ביסעלע אין זייער אויסזען און האלטונג — מענעריש...

אזוי אויך ווע מרס. ציפרין האט געטאן ארבעט פאר די זאמאווער. זי פלעגט פון צייט צו צייט רופן א מיטונג פון עטלעכע אויסדערוויילטע, אויך רייכע ווייבער, וואס שטאמען פון זאמאוו, און זיי פלעגן זאמלען געלט צו שיקן די ארעמע געראטעוועטע לאנדסלייט וועלכע האבן, אדורכגעמאכט אלע גהינום'ס, און זיינען אנגעקומען קיין ארץ-ישראל נאקעט, און בארוועס און צעבראכן. מרס. ציפרין האט געלאזט וויסן דורך מעלדונגען אין די יידישע צייטונגען אז די זאמאווער לאנדסלייט אין ניו-יארק קענען שיקן הילף אויף איר נאמען און אדרעס.

און מען מוז זאגן, אזוי גוט ווי פיל לאנדסלייט פון אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן וועלכע פלעגן פיל ארויסהעלפן די אייגענע אין מדינת-ישראל, אזוי אויך די זאמאווער. דער סענטימענט צו דער אלטער היים און צו אייגענע איז ביי זיי נישט געווען קלענער ווי ביי אנדערע יידן. זיי פלעגן טיילמאל אויסדרוקן אומצופרידנהייט מיט דעם אופן ווי מרס. ציפרין שיקט פאנאנדער הילף; זי פלעגט דיסקרומינירן און אויסקלייבן די „בעסערע" משפחות אדער אירע א מאליקע פריינדינעס, וואס דאס פלעגט נישט זיין צום הארצן צענדליקער פון אירע לאנדסלייט. אבער, איבערנעמען די ארבעט, האבן נישט די מידע ביזנעס-מענער, נישט די עטלעכע הארעפאשנע לאנדסלייט, און אפילו נישט די פרויען פון אנדערע פארמעגלעכע סוחרים, געוואלט.

* * *

אפילו די ווייבער מיט שיינע היימען און קולטור-מאבעריי ווערן אפט מיד. ווען פרייען זיך מיט קינדער אויסגעגעבענע, און אייניקלעך, צו וועלכע מען טוט אזעלכע ליידיק-גייערישע פרויען צושמידן, ווערט אויך צוגעגעסן, און זוכן א יינגערן מאן צו פירן א ראמאן אדער וואס זאל איר כאטש אויסנעמען" ווען דער מאן שלאפט, איז אפטמאל נישט שיין פאר שכנים און דער משפחה, דאמאלט דערפילן די סארט פרויען ווי מרס. ציפרין, א געוואלטיקע פוסטקייט. כאטש גיי וואנדער אליין איבער דער וועלט מיט א פעט באנק-ביכל



בשעת דער מאן וויל איצט נאך 65 יאר זיצן טאג-און-נאכט אין רוען, אדער זיך קלאגן אז דער מאגן לאזט אים נישט עסן...

איז גראד ביי די זאמאווער אונטערגעקומען עפעס וואס האט ווידער געפאדערט ארבעט און פירערשאפט:

פון צווישן די שיינע יידן, רבנים, לערערס און העברעאיש-קענער פון שטעטל זאמאוו, וועלכע זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט פיל אנדערע יידן דורך די בלוטיקע הענט פון די דייטשן בשעת זיי האבן אריינגעמאשירט קיין זאמאוו, און דעם טייך בוג רויט געמאכט מיט יידיש בלוט, איז פון די אפגעראטעוועטע געווען נישט קיין אנדערער ווי דער דיכטער שמואל טאבי. ביי א זיצונג פון פרויען „רעליף-קאמיטעט" האט פרוי ציפרין צו וויסן געגעבן און געהאלטן אזא מין רעדע:

— איר געדענקט אלע דעם פרומען ישיבה-בחור שמואל טאבי. א מאל האט מען ביי אונז נישט געוווסט אז דער בחור האט טאלאנט צום שרייבן. היינט, נאך וואלגערן זיך יארן אין רוסלאנד און דורכמאכנדיק אלע סארטן תפיסות אונם לאנד פון באקראטירטן קאמוניזם און מערדערישן סטאליניזם, איז געלונגען אונזער לאנדסמאן דעם טאלאנטירטן דיכטער זיך צו ראטעווען און קומען קיין אמעריקע, וווּ ער שטייט איין ערגעץ ביי קרובים. היינט האבן מיר א געלעגנהייט צו ווייזן וואס מיר טוען אויף פאר אייגענע גרויסע מענטשן: איך לייג פאר מ'זאל אים ארופברענגען קיין ניו-יארק, אום מאכן א פייערלעכן קבלת-פנים, אים העלפן מיט געלט און טאקע: זען ארויסגעבן זיינס א בוך לידער — זאל מען הערן וואס די זאמאווער טוען אויף פאר זייער לאנדסמאן, א דיכטער!

די עטליכע ווייבער פון „רעליף-קאמיטעט" האבן געקאנט און געדענקט דעם דיכטער טאבי פון שטעטל. זיי האבן גוט געקאנט זיין טאטע-מאמע. זיי, צוגלייך ווי מרס. ציפרין האבן געלייענט אין „טאג" אז דער דיכטער איז אנגעקומען קיין אמעריקע. זיי האבן איינגעשטומט אז מען דארף אלץ טאן פאר א צעבראכענעם קראנקן לאנדסמאן; זיי האבן אלע געפילט אז דאס וועט אפפרישן זייער ארבעט און ארויסרופן פיל אינטערעס ביי זייערע מאנען.

* * *

ס'איז געווארן געדונגען א גרויסער זאל, מ'האט באשטעלט קאווע, טיי און פארשידענע קוכנס און מ'האט געמאלדן און די יידישע צייטונגען. מרס. ציפרין האט באוויזן אריינצוציען עטלעכע מענער אויפצונעמען און רײדן ביים קבלת-פנים און זי האט וועגן אלץ געשריבן צום דיכטער-לאנדסמאן און אים פארזיכערט מיט פריינטשאפט און דערווארטעניש.

דעם טאג, א זונטיק איז דאס געווען, האט עפעס מרס. ציפרין זיך אויפגעהויבן א נישט-צופרידענע. זי האט געפונען א ביסעלע שטויב אין די שלאף-צימערן און עס-זאל, און דער פאדער-צימער איז אויך עפעס איר נישט געפעלן. זי האט געשאלטן דער שווארצער וועלכע איז פויל צו טאן איר ארבעט ווי געהעריק", און זי האט געגעבן איר מאן אנצוגעהערן, אז מ'דארף זוכן אן

אנדערער וואס זאל קומען אויפראמען די אכט צימערן.

איר מאן, באלד אינדערפרי ביי די חשבונות, און נאכקוקנדיק די „שערס״ אין דער צייטונג, האט עפעס שטיל געמורמלט, אז די הויז איז צו גרויס פאר צוויי מענטשן, מ׳דארף זי אויסטוישן אויף א קלענערער, און שווארצע פרויען קענען מער נישט טאן ווי ווייסע פרויען אין שטוב. מען דארף זיין צופרידן אז מען קריגט א שווארצער פרוי צו טאן הויז־ארבעט . . .

דערביי האט מיסטער ציפרין ווי פארבייגייענדיק באמערקט:

— און וועלכן צימער וועט שלאפן ביי אונז דיין לאנדסמאן?

מרס. ציפרין האט עפעס ווי פארהערט די פראגע און צוגעגאנגען צום טעלעפאן. זי האט גערעדט וועגן א נייער קלייד און ווי די בלומען זיינען ביי איר אין גארטן עפעס נישט געראטן.

דערנאך, א קוק טוענדיק ווי דער זייגער וויקזט עלף, איז זי אן א זאג עפעס צו איר מאן, אריין אין גאראזש, אריינגעזעצט זיך אין איר בלאנקעגדן קאדילאקא־ויטאמאביל און גלייך געפארן צו דער באן־סטאנציע. זי האט געפרעגט ווען עס קומט אן דער צוג פון שטעטל באסקא און דערווייל באשטעלט א קאווע אין דער קאפע פון וואקזאל.

און עטלעכע מינוטן ארום איז אנגעקומען דער צוג, און צווישן די הונדערטער פון שטעט און שטעטלעך ארום ניו־יארק, גוים און גאיעס מיט געזונטע פנימער וועלכע זיינען געקומען פארברייגגען דעם טאג אין דער גרויסער שטאט, איז אנגעקומען א ייד פון א יאר איין־און פופציק, מיט א בלאס פנים און רויטע אויגן, די עטלעכע האר פארבליבענע אויפן קאפ, גרא, און געטראגן מיט זיך א מידן גאנג.

זי האט באטראכט זיין אפגעטראגענעם אנצוג, נישט געפוצטע שיך און אלט טשעמאדאנטשיקל. זי האט אים דערלאנגט די האנט, און דערנאך געפרעגט צי ער איז טאבי. אבער ער, האט איר, נאך אזויפיל יארן נישט זיין, באלד דערקענט. ער האט פרובירט צופאלן צו איר און ארויספייערן א ביסעלע ווארעמקייט פון זיין נשמה וואס ער האט געהאלטן פארבאהאלטן פאר זיינע לאנדסלייט, אבער עפעס האט איר טייערער פוטער־מאנטל געמאכט א מחיצה, און ער האט איר בלויז געדריקט די האנט.

ווי נאר ער האט איר געפרעגט וועגן איר פאמיליע, וועגן איר מאן און וועגן פארשידענע לאנדסלייט, און דערציילט ווי אין אים טוליעט א שטארקער באגער צו זען די רעשטלעך צווייגן פון זאמאווער יידישן בוים, וועלכע בליען אין אמעריקע, האט זי אים אויף שנעל צוגעפירט צו איר אויטאמאביל, און גענומען פירן איבער זונטיק־שטילע גאסן, און ער האט איר געפרעגט ווילאנג עס נעמט דער וועג פון דער סטאנציע צי איר קיין וועסטשעסטער.

— נייק, מיר פארן נישט צו מיין הויז — האט זי געזאגט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאפ בשעת זי האט געפירט דעם אויטאמאביל.

— איז וווהין פארן מיר. ווו וועל איך מיר אפרוען און נעכטיקן היינט אוונט? — האט דער לאנדסמאן געפרעגט, א ביסל דערשטוינט.



— איך האב אפגערעדט מיט א פרוי אן אלמנה, זי שטאמט פון אונזער שטאט איך ווייס נישט צי איר קענט איר, זי האט אן ארט ווו איבערצושלאפן.

ניין, ער האט נישט געהערט דעם נאמען פון דער ארעמער פרוי ערגעץ־ווו אין ברוקלין. ער איז געבליבן זיצן אן איינגעקורטשעטער און א פרעמדער, אן א ווארט ארויסצוריידן.

בשעת זיי זיינען דורכגעפארן אן ארעמע גאס מיט ארעמע האטעלן, האט ער זיך געגעבן א כאפ און געהייסן, געבעטן זיין לאנדסמאנקע זאל אפשטעלן איר אויטאמאביל:

— אט, דא, אין דער האטעל — האט ער אנגעוויזן אויף א טיר־איינגעאנג צו א ביליקן האטעל — דא וואלט איך געוואלט רוען און איבערשלאפן היי־ביינאכט.

זי האט געגעבן א הויב מיט די פוטערנע אקסלען, באצאלט דעם האטעל־אופזעער פאר א טאג פאר איר לאנדסמאן־דיכטער, און צוגעזאגט אז מ׳וועט אים קומען אים נעמען אין צוויי־דריי שעה ארום.

דער דיכטער שמואל טאבי איז ארויף אין האטעל־צימערל און געציטערט צו באגעגענען די אלע אנדערע לאנדסלייט.

## ראבינדראנאט טאגארע

### פון דעם בוך „גיטאנדזשאלי״

(צו 100׳טן געבוירן־יאר פונם דיכטער)

א

דו האסט מיך באשאפן אומענדלעך, אזוי איז עס געווען דיין רצון. אט דעם שוואכן שארבן טוסטו ווידער און ווידער אויסלעערן, און פילסט אים כסדר אן מיט פריש לעבן.

די דאזיקע פלייט, בלויז א קליינע שטשינע, האסטו געטון טראגן איבער בערג און טאל, און געטון אטעמען דורך איר ניגונים אייביק נייע.

ביים אומשטערבלעכן אנריר פון דיינע הענט טוט דאס קליינע הערצל מיינס פארגעסן זיינע גבולים דורך שמחה און געבערן אויסדרוקן אומאויס־שפרעכלעכע.

דיינע אין־סופיקע מתנות טון קומען צו מיר בלויס אויף די דאזיקע קליינע הענט מיינע. אייביקייטן טון פארגיין, און נאך אלץ טוסטו אויסלעערן, און נאך אלץ בלייבט ארט אנצופילן.

ב

בשעת דו האסט מיר געטון באפוילן צו זינגען האט עס אויסגעזעען ווי דאס הארץ מיינס וואלט געהאלטן ביי פלאצן פון גדולה; און איך האב געטון קוקן אויף דיין פנים, און טרערן זענען געקומען צו מיינע אויגן.

אלדאס הארבע און סתירותדיקע אין מיין לעבן טוט זיך צעשמעלצן אין איין ליבלעכער הארמאנישקייט — און מיין פארערונג שפרייט אויס פליגל

ווי א פריילעך פויגעלע אינם פלי איבער ימים.

אודאי האסטו פרייד פון מיין זינגען. איך ווייס, אז בלויז ווי א זינגער טו איך קומען פאר דיר.

איך טו אנרירן ביים ראנד פונם ברייט־אויסגעשפרייטן פליגל פון מיין געזאנג דיינע פיס, וואס איך וואלט קיינמאל נישט געקענט שטרעבן צו דערגרייכן.

אנגעשיכורט מיט דער פרייד פון זינגען טו איך מיך אליין פארגעסן און איך רוף דיך פריינט, וואס דו ביסט מיין האר.

ג

איך ווייס נישט וויאזוי דו טוסט זינגען, מיין האר! תמיד טו איך מיך צוהערן אין שטילער השתוממות.

דאס ליכט פון דיין נגינה טוט באלויכטן די וועלט. דער לעבנס־אטעם פון דער נגינה דיינער טוט לויפן פון הימל צו הימל. דער הייליקער שטראם פון דיין נגינה טוט צעשמעטערן אלע מכשולים און דרינגט כסדר פארויס.

טוט טאקע מיין הארץ לעכצן צו אחדות מיט דיין געזאנג, נאר אומזיסט שיינט אויס דאס געראנגל צו באקומען א שטים. איך וואלט גערעדט, נאר פון רייד טוט נישט אויסברעכן קיין שיר, און איך טו בלויז וויינען אנטוישט. א, דו האסט געטון טון מאכן מיין הארץ געפאנגען אין די אומענדלעכע נעצן פון דיין נגינה, מיין האר!

ד

לעבן פון מיין לעבן, אייביק וועל איך מיך טון באמיען צו האלטן מיין גוף לויטער, מחמת דיין לעבעדיקער באריר איז איבער מיינע אברים.

אייביק וועל איך מיך טון באמיען צו דערווייטערן אלע שקרים פון מיינע מחשבות, ווייל דו ביסט דער אמת, וועלכער האסט געטון אנצינדן דאס ליכט פון שכל אין מיין נשמה.

אייביק וועל איך טון פארטרייבן אלע בייזקייטן פון מיין הארץ און האלטן מיין ליבשאפט אין בליען, ווייל דיין כסא־הכבוד איז בחדרי־חדרים פון מיין הארץ.

און איך וועל אייביק מיך טון באמיען צו אנטפלעקן דיך אין מיינע מעשים, מחמת דיין קראפט גיט מיר כח צו ווירקן.

ה

איך באגער בלויז אויף א רגע רשות צו זיצן ביי דיין זייט. די מעשים איך האלט אין טון וועל איך טון פאללענדן שפעטער.

ווייט פון דיין פנים טוט מיין הארץ נישט וויסן פון מנוחה נישט פון רו, און מיין מלאכה ווערט בלויז אן אומענדלעכע מידיקייט אין א ברעגגלאזן ים פון מידיקייט.

היינט האט דער זומער געטון קומען צו מיין פענסטער מיט זיינע זיפצן און געמורמל; און די בינען טון זיך פלייסן מיט זייער גאסן־געזאנג ביים שלאס פון דער בליענדיקער אלייע.



איצט איז שוין צייט צו זיצן שטיל, פנים־אל־פנים מיט דיר, און צו טון זינגען א שיר פון ווידמונג צום לעבן אין אט דער שטילער און שפעדיקער מנוחה.

ו

רייס אפ דאס קליינע בלימעלע און נעם עס, ווייגער דיך נישט! איך האב מורא טאמער וועט עס וויאנען און פאלן אין שטויב אריין.

אפשר וועל איך נישט געפינען קיין ארט אין דיין גארטן, נאר זיי עס מכבד מיט א יסורימדיקן ריר פון דיין האנט און רייס עס אפ. איך האב מורא טאמער ענדיקט זיך דער טאג איידער איך ווער דערפון געוואויער, און די צייט פון קרבנות איז פארביי.

הגם די קאליר איז נישט טיף און דער ריח איז זער שוואך, נעם אן דאס בלימעלע אין דער עבודת־הקודש און רייס עס אפ כל־זמן עס איז נאך צייט.

איבערזעצט אויף יידיש,

**א. אלמוג**

## מ. אלמאן

## MENDEL SFARIM

אין לאנדאן גייט ארויס אין דער פוילישער שפראך א ליטעראַרישע וואכנציַיטונג: „וויאַדאָמאָשטשי“. א נומער פארנעמט 6 זייטן, פארמאט 23 אויף 18 אינטשעס. אין דאָזיקן זשורנאַל אַרבעטן מיט שרייבער פון דער פוילישער עמיגראַציע, אַזעלכע, וואָס האָבן ליבערשט אויסגעקליבן צו בלייבן אין גלות, ווי אומצוקערן זיך אהיים אין קאמוניסטיש־רעגירטן פוילן.

אין „וויאַדאָמאָשטשי“ פון 19־טן מערץ ה. ו. איז פערעפנטלעכט אן ארטיקל, וואָס פאַרנעמט קנאפע צוויי שפאלטן, אונטערן נאָמען: „א זשידאָק“ (וועגן יידן) פון דער שרייבערין זאָפיא קאזארינאווא.

איר ארבעט שטיצט זיך אויף יוסף וואלפס שקיצע אין דייטש: „יידיש“. מע פילט אבער ארויס דער שרייבערינס נעגאטיווע שטעלונג צו דער יידישער שפראך און ליטעראטור. ווייזט אויס ס׳איז נישט אמת דאס פוילישע שפּריכווארט: „מאָנדרי פּאלאק פּא שקאָדזשע“ (נאכן שאָדן ווערט דער פאלאק קלוגער). די זעלבע אומסימפּאטישע שטעלונג צו יידן, זייער שפראך און ליטעראטור ווי אין פארמלחמהדיקן פוילן. א וואונדער, אז מע טראגט דאס אונטער דער פוילישער אינטעליגענץ אין גלות.

קודם־כל קומט די שרייבערין תיכף צום אויספיר, אז די שפראך פון די יידן אין מזרח־אייראפע בלייבט ביים נאמען זשאַרגאָן און נישט יידיש, צוליבן געמיש: דייטש־העברעאיש און — ווייל נישט אלע יידן באנוצן זיך מיט איר. זי ברענגט פאר א ביישפּיל ישראל, וווּ ס׳האט אויפגעלעבט העברעיש.

נאכן געבן א קווערשניט אין דער געשיכטע וועגן דער אפשטאמונג פון יידיש (זי באנוצט אומעטום: זשארגאן) און די ערשטע שאפונגען אין דער דאָזיקער שפראך (פון 10 ביזן 17 יארהונדערט), קומט זי צו, צו כאראקטעריזי־רי

די ייִדן און זייער ליטעראַטור אויף שטח פון 150 יאר ביז אונדזער צייט.

אין רוסלאַנד, פוילן און רומעניע, ווו ייִדן האָבן געלעבט, האָבן זיי נישט עקזיסטירט ווי אַ פאָלק; זיי האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג; זייערע געדאַנקען און אַספּיראַציעס זענען געווען געווענדעט צו אַ בעסערער וועלט, און דער פאַרגעשמאַק פון דער דאָזיקער וועלט האָט געשטעקט אין — עונג שבת...

די וועלט פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום איז דעם מערב ווייניק באַקאַנט. די ייִדן זענען פאַרוואַרצלט אין קליינעם שטעטל און זוכן אַ רפואה צו זייערע ליידן אין אָפּוואַרטן משיחן.

דער חסידיזם האָט געבראַכט נייע עלעמענטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. חסידיזם איז אַ מיסטישע לערע וועגן דער נאָענטקייט פון גאָט. דער חסידישער רבי, דער צדיק, באַנוצנדיק ייִדיש ווערט דערנענטערט צום פאָלק. די ליטווישע ייִדן, די תלמודיסטן, זענען געבליבן קאַלט צום חסידיזם.

די היינטצייטיקע ייִדישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון רייבונגען צווישן דער אַנטי־חסידישער טראַדיציע פון די ליטוואַקעס און די חסידישע שטרעמונגען ביי די פוילישע און אוקראַינישע ייִדן.

איצט אַ קליינע אָפּווייכונג פון דער טעמע.

אונדזערע שרייבער מיט פּסעוודאָנימען האָבן נישט קיין מזל. ווייניק באַהאַוונטע טראַקטירן זייערע פען־נעמען ווי אמתע נעמען און רופן אויף זיך אַרויס געלעכטער... ס'איז נישט בלויז קיין גוישער טעות. אָט האָב איך געלייענט אַן ענלעכע מעשה אין דער ביילאַגע פאַר קינדער פון דער „דזשויש־קראָניקל", אַן אַרבעט וועגן שלום־עליכמען. דער פּסעוודאָנים ווערט דאָ געשווינט, אָבער די צווילונג־נעמען פון זיינע העלדן זענען געשפּאָלטן. למשל: poor Menachem.

אַ נאָמען פון אַ העלד רופט אַרויס אַסאָציאַציעס. אַז מע דערמאָנט „מנחם" ווי אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור, קומט אויפן רעיון מנחם באַריישאַ. אָבער אַז מע זאָגט מנחם־מענדל, איז עס אונדזער באַקאַנטער, שלום־עליכמס טיפּ! נאָך גוט, וואָס די „יוניאָר קראָניקל" האָט נישט צעקריגט שיינע מיט שיינדלען...

איצטער צו דער טעמע.

די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּראָזע זענען: מענדעלע מוכר ספרים, שאָלעם אַליכעם און י. פּרץ. זעט זשע וואָס די שרייבערין האָט געמאַכט פון זיידנס פּסעוודאָנים: „מענדעלע מוכר ספרים!"

זי שרייבט: ספאָרים אָפּערירט מיטן ריינעם ייִדישן, ביטערן הומאָר. ער איז נישט פאַרשטענדלעך פאַר נישט־ייִדן. זי מוז נישט וויסן, אַז „מסעות בנימין השלישי" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש אַן דווקא דורך אַ נישט־ייִד, אַ פּאָלאַק. אויף פּויליש הייסט דאָס בוך: „דער ייִדישער דאָן קיכאָט".

אַליכעם (איר דערקענט שלום־עליכמען?) שטעלט אַרויס אַ טיפּ טביה דער מילכיקער, וועלכער פּערזאָניפיצירט די פילאָזאָפיע פון אָרעמען ייִד. זי



טוט נישט קיין פּיפּס אפילו וועגן דער נשמה פון ש"ע שאַפן, וועגן זיין הומאָר.

פּרץ, אַ „וואַרשאַוויאַנין", איז דער אידעאָלאָג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער שטרעבט צו ברענגען די מזרח־ אייראָפּעישע ייִדן צום ליבעראַלן הומאַניזם.

נאָך די דריי קלאַסיקער אַנטוויקלט זיך די ליטעראַטור לויט די מוסטערן פון מערב אין פּראָזע און פּאָעזיע. דאָ דערמאָנט זי די נעמען פון: דוד פּינסקי, שלום אַש, וויסנבערג און דוד בערגלסאָן.

די סאָציאַליסטישע אידעאַלן ווערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אויסגעמישט מיט משיח־אידעען; דער צוריקקער קיין פּאַלעסטינע און דערגרייכן אומאָפּהענגיקייט ווערט די טרייבקראַפט פון שרייבער.

דערמאָנענדיק די דריי צענטערן פון ייִדישער שאַפונג צווישן ביידע וועלט־מלחמות: רוסלאַנד, פּוילן, אַמעריקע — גיט זי אָן י. זינגערס „די ברידער אַשקענאַזי" ווי די ערשטע אמתע ייִדישע דערציילונג, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקע. נאָך זינגערן ווערט ערשט דערמאָנט אַש!

די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד איז פאַרשלאָסן.

די ייִדישע שאַפונגען אין פּוילן שטיצן זיך אויף קלאַסישע מוסטערן און באַרירן שטעטל־טעמעס.

אַזוי לאַנג ווי עס האָט עקזיסטירט די ייִדישע מזרח־אייראָפּעישע וועלט, איז פּוילן פאַר איר געווען דער סימבאָל (?) פון פאַטערלאַנד. די דייטשן האָבן פאַרניכטעט נישט נאָר מיליאָנען ייִד, נאָר אויך די אייגנאַרטיקע, באַזונדערע קולטור וואָס האָט עקזיסטירט אין זייער סביבה. און פּאַראַדאָקסאַל ווי ס'איז — דאָס וויגל פון דער דאָזיקער קולטור איז געשטאַנען אין דייטשלאַנד. נאָך היטלערן האָט סטאַלין פאַרניכטעט אין רוסלאַנד די ייִדישע ליטעראַטור.

ייִדישע ביכער און זשורנאַלן דערשיינען נאָך איצטער אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק, תל־אביב און בוענאָס־איירעס.

די שרייבערין פאַרענדיקט מיט פאָלגנדע געדאַנקען:

די ייִדישע שאַפונגען זענען ווי עקזאָטישע געוויקסן.

פאַרניכטעט — ווערן נישט צוריק לעבעדיק; איבערגעפלאַנצטע אין זעלבן באָדן — פאַרלירן די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן; אין נייעם באָדן — פּאַסן זיי זיך צו פאַמעלעך לויט נייע געזעצן.

אין סך־הכל: נאָך טויזנט יאָר צוזאַמענלעבן איז ערשט ייִדיש פאַר פּאָלאַקן אַ זשאַרגאָן; פּוילן — אַ סימבאָליש פאַטערלאַנד און ווי אַ סינאָנים פון דער ייִדישער קולטור דער עקזאָטישער נאָמען: „מענדעל ספרים"!

„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

# י. וו. פאדאלסקי

## י. נ. שטיינבערג בוך

שוין דער טיטול פון דעם בוך אויף דער ערשטער זייט, באצייכנט מיט ווערטער: — דער מענטש, זיין ווארט, זיין אויפטו, אינטריגירט אייך צו באקענען זיך נעענטער מיט דער פערזענלעכקייט פון דר. י. נ. שטיינבערג ז. ל. פאר דעם צוזאמענשטעל, און שיין ארויסגעבן פון דעם בוך, קומט דעם קאמיטעט א יושר כח. אבער גאנץ באזונדערס קומט דער יושר כח דעם רעדאקציע סעקרעטאר — מלך ראוויטש.

גלייך אין אנהייב אין זיין הקדמה, זאגט מלך ראוויטש: „איין לאנגע זילבערנע קייט פון קלאר קלינגענדיקע גרייטונגען, איז געווען דאס לעבען פון י. נ. איז שטיינבערג. ער איז אלעמאל זיכער געווען אז זיין כוונה איז גוט, און אזוי זענען אויך זיכער זיינע קעגנער — און ער האט זיי געהאט נישט ווייניק — אבער, ווי א טיף־עטישער מענטש, האט ער אויך צווייפלען געהאט. איבערצייגענדיק יענעס — אין לעבעדיקן ווארט און שריפט — האט ער זיך כסדר געזוכט צו באפעסטיקן אינערלעך. אז דער וועג אויף וועלכן ער איז געגאנגען ביז איצט, אלס סאציאליסט און אלס ייד און אלס מענטש צווישן מענטשען און ייד צווישן יידן — און דער וועג אויף וועלכן ער גייט איצט און וויל פירן אנדערע — איז דער אמתער וועג, דער וועג פון אמת.“ און ראוויטש ענדיקט זיין הקדמה: „דאס איז ניט דאס לעצטע בוך וועגן שטיינבערגן, דאס איז דאס ערשטע בוך וועגן אים“.

אלס איינער פון דר. שטיינבערגס פארערער און אויך א אינטימער פריינט פון דער פאמיליע — אין דער לאנדאנער תקופה, האב איך נייגעריק געווארט אויפן בוך, און מיט גרויסן אינטערעס און געלאסנקייט געלייענט איס פון אנהויב ביזן סוף. איך האב געזוכט צו לייענען אויך צווישן די שורות פון די זעקס און דרייסיק ארטיקלען פון די שרייבער. הגם זיי וויזן ארויס דעם גרעסטן דרך ארץ פאר אים אלס מענטש און אלס ייד, אדער זיי באציען זיך מיטן גרעסטן רעספעקט פאר זיינס אן ארטיקל אדער רעפעראט, דאך זענען אסך פון זיי געווען זיינע אידעאלאגישע קעגנער, ביז אין טאקע אמת צופרידן וואס מען קען ניט צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון די שרייבער און אין זייערע אפשאצונגען פון דעם מענטש און דעם ייד.

ב. י. ביאלאסטאצקיס אנאליז וועגן שטיינבערגס פריילאנדיזם און אזוי גערופענעם — אנטיציוניזם, וועט איינמאל פאר אלע מאל מאכן א סוף צו די באשולדיגונגען אז ער האט געזוכט צו שעדיקן מדינת ישראל.

ב. י. ביאלאסטאצקי זאגט: „זיין שטעלונג צו מדינת ישראל האט זיך פארשארפט אין די שפעטערדיקע יארן. האט ער געוואלט שעדיקן די מדינה? חלילה! ער האט בלויז געוואלט אנווייזן אויף די חסרונות. דר. שטיינבערג האט זיך ניט געשראקן און האט געטייטלט מיט די פינגער: „זעט, צו האב איך פאלש געזאגט? א מדינה מיט א מלוכה, טוט צוליב מלוכיזם ארייפאלן אין



זינד; די מלוכה נעמט שלומים פון די דייטשן ערשט א קורצע צייט נאך דעם אומברענגונג פון מיליאנען יידן; די מלוכה שיקט דיפלאמאטן קיין בערלין. עס טויג נישט! עס וועט פירן צו טראגישע קאמפליקאציעס. אויב שוין יא א יידישע מלוכה, טא זאל כאטש נישט זיין ככל הגוים“.

ב. י. ביאלאסטאצקי ציטירט ווייטער: „אין א בריוו צום אנארכיסט־חלוץ, אליעזר הירשהאוגע, אין מדינת ישראל, האט ער אין יאר 1950 געשריבען: „מיר שטייען דאך אין א דיאלעקטישער באציונג צו ארץ־ישראל. דווקא דערפאר וואס מיר ליבן דאס לאנד מיט זיינע אייביקע מאראלישע פאדערונגען. דווקא דערפאר האבן מיר אזוי פיל טענות צו דער היינטיקער מדינה. ווי דער פסוק זאגט: למען ציון לא אחשה. דווקא צוליב אהבת ציון טארן מיר ניט שווייגן. אהבת ציון און ניט חלילה — שנאת ציון“.

דר. אהרן שטיינבערגס ביאגראפיע פון זייערע קינדער און יוגנט יארן, באגרינדעט דעם כאראקטער פון י. נ. שטיינבערג נאך פון קינדווייז אן. זיינע טיפע, אמתע רעליגיעזע געפילן, זיין ענערגיש לערנען און זיין שטארקער ווילן צו וויסן. זיינע יינגע פעיקייטן צו ארגאניזירן און רעדן, זיינע זארגן פאר דער מענטשהייט בכלל, און דעם קיום פון יידישן פאלק בפרט, מאכט זיינע שפעטערדיקע רעוואלוציאנערישע ארבעט לטובת דעם רוסישן פאלק, צוגלייך מיטן רוסישן יידנטום אין איינקייט. סיי זיינע טיפע רעליגיעזע געפילן, סיי זיין גרויסע וועלטלעכע בילדונג שטעלט ער אין קאמף פאר ייד און מענטש — פאר סאציאלן יושר.

דר. אהרן שטיינבערג גיט אונז א בילד פון דער רוסישע עפאכע, וועלכע איז אונזער (שטיינבערג) דור גוט באקאנט. אבער אחוץ די טיפע רעליגיעזע זייט, פון וועלכן מיר זענען דאמאלט פארפרעמדט געווארן, און זיין דערציילן איז ממש לעגענדאריש. איר זעט פאר זיך א בילד פון א שטורמיש־רעוואלוציאנערע עפאכע ווי זיין ברודער י. נ. שטיינבערג איז איינער פון די בויער און שאפער פון א נייער יושרדיקער וועלט.

דא אבער קומען מיר צו זיין ערשטער גרויסער אנטוישונג. דא קומט דר. י. נ. שטיינבערג צו זיין „וועג פון פיין“, און צו דער געדורוקטער דראמע אין דעם בוך — „דו האסט געזיגט מאכנאטשאוו.“

די קלארע בילדער וואס דר. אהרן שטיינבערג מאלט פאר אונז, מיט די פארשיידנפארביקע משפחה אנגעלעגנהייטן, און אינהאלט רייכקייט, זענען אליין און פאר זיך א מייסטער ווערק אין פולן זין פון ווארט. פון זיין ביאגראפיע זעען מיר די טיפע אמתע פארבינדונג פון י. נ. שטיינבערגס — גאט און מענטש. און זיין גרויסן קאמף פאר גערעכטיקייט און יושר.

אחוץ דעם גרויסן ביישטייער פון דר. אהרן שטיינבערג, זענען אין דעם בוך נאך דא 36 אנדערע ביישטייער — שרייבער, ווו יעדער איינער אויף זיין אופן גיט אונז א בילד פון דעם מענטש און ייד, פון זיין גרויסער נשמה און זיין גרויסע ליבע צו אלע מענטשען קינדער. פון זיין ראל אלס יוריסט, אלס א שרייבער, אלס א פובליציסט, אלס א רעדאקטאר, רעוואלוציאנער, שליח פאר

ייוואַ און פאַר פריילאַנד. איך האָב שוין ציטירט פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און פון מלך ראַוויטש און פלאַץ דערלויבט מיר ניט צו ציטירן פון די אַנדערע 34 שרייבער. איך וויל אָבער אַביסל פלאַץ אָפּגעבן דעם אויסקלייב פון זיינע בריוו. לויט מיין מיינונג, איז עס וויט ניט קיין גענוגענדער אויסקלייב, ווייל דורך זיינע בריוו צו פריינט, משפחה, שרייבער און עסקנים, ווייזט זיך אַרויס אַסך מער בולטער זיין גאַנצע נשמה ווי ריין און ווי אָפּגעהיט, פול מיט ליבע, סיי צו זיינע אייגענע סיי צו אַלע מענטשן מיט וועמען ער קומט אין באַריר.

אַט שרייבט ער אין אַ בריוו פון דעם 9־טן אויגוסט 1950 צו זיין פריינט נתן חפשי אין ארץ־ישראל. ער באַקלאָגט זיך פאַר אים אויף יזהר סמילאַנסקי, אַז ער האָט אים (שטיינבערגן) ניט געענטפערט, ניט אויף אַ בריוו און ניט אויף זיין אַרטיקל — דערפאַר, ווייל ער פאַרשטייט ניט קיין איין וואָרט יידיש — „פרעג איך זיך: צי וואָלט ער אויך אַזוי געהאַנדלט ווען ער באַקומט אַ בריוו אין שפּאַניש אָדער אין פראַנצויזיש, בכלל אַ שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט ניט? פאַרוואָס אָבער אַזאַ פאַראַכטנדיקע באַציִונג צו אַ יידישן בריוו געשריבן פון אַ יידישן מענטשן צו אים?” ווייטער אין דעם זעלבן בריוו זאָגט ער: „ניט דאָס העברעיִש אָדער יידיש שאַפט די עכטן יידיש קולטור, נאָר דער יידישער מענטש מיט זיינע מידות שאַפט עס”. און פאַרענדיקט דעם בריוו אַזוי: „דאָ גייט ניט וועגן יידיש־העברעיִש און אַפילו ניט וועגן מלוכה אַליין. עס גייט וועגן אַפּהיטן־נאָך דער גרויסע קאַטאַסטראָפע די גאַנצקייט פון דער יידישער נשמה. אונזער דור וואָס האָט זיך מיט ניסים געראַטעוועט זאָל ניט פאַרשעמען אונזער געשיכטע”. די פאַרלייקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין ישראל האָט אים זייער טיף געריריט. יידיש איז שוין אַ גאָר גרויסער טייל פון אונזער בלוטיקער געשיכטע, פלעגט ער זאָגן, און צו אָוועקשניידן יידיש אין ישראל, הייסט אָוועקשניידן אַ וויכטיקן טייל פון אונזער געשיכטע, און ס׳קען אַמאָל זיין די פאַרקריפּלונג פון דעם יידישן פאָלק.

זיין דראַמע „דו האָסט געזיגט מאַכנאַטשאַוו” קען מען אויך אויסטייטשן אויף די פירער אין ישראל, וועלכע רעכנען זיך ניט מיטן גאַנצן יידישן פאָלק און טוען בלויז דאָס, וואָס זייערע קליינע השגות דיקטירן זיי.

אין דעם בוך שפּיגלט זיך אָפּ י. נ. שטיינבערגס גאַנץ לעבן. זיין שרייבן, זיין רעדן, זיינע זוכענדישן און טאָטן, זיין אומגעהויערע ענערגיע פאַר איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער יידישער פאָלקס נשמה. אונזער גייסט, טראַדיציע און ירושה. די צוגעבינדקייט און ליבע צום פאָלק, זיין קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר סיי פאַרן יחיד און סיי פאַרן כלל, דאָס איז אין דעם בוך טיילווייז דערציילט געוואָרן. לאָמיר האָפן, אַזוי ווי מלך ראַוויטש זאָגט: אין אַ צווייטן בוך וועט מער דערגאַנצט ווערן די גרויסע פּערזענלעכקייט פון אונזער דור — י. נ. שטיינבערג.

דעם בוך קען מען באַקומען, פּרייז 2 גינעס פון י. וו. פּאָדאָלסקי,
106 Dartmouth Rd., London, N.W.2
GLA. 2895



# עלען ווינאַגראַד

## „עקסאָדוס” (דורך מיינע אויגן)

(געשאַפן און רעזשיסירט פון אָטאָ פּרעמינגער, לויט דעם בוך פון לעאָן יוריס, מוזיק פון ערנעסט גאָלד, געשפילט אין קינאָ „אַסטאָריאַ”)

פיר שעה כישוף, פיר שעה אין אַן אַטמאָספערע פון העלדישקייט, פיין, גוטסקייט און טייוולאָנישקייט. ווען איך האָב געזען דעם פילם „עקסאָדוס”, נאָך דעם ווי איך האָב געלייענט דאָס בוך, בין איך געזעסן אַזוי פאַרכשופט, אַז איך האָב פאַרגעסן אין דיווירקלעכקייט. איך האָב פאַרגעסן, אַז אין דרויסן איז אַ גאַס; אַז מענטשן גייען אַן מיט זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, און געהערט, געשלונגען און איינגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספערע פון דעם פילם. די מוזיק איז וואונדערבאַר, רייך און פול, טרויעריק און טריאומפירנדיק, רופנדיק און בעטנדיק. צווישן דעם בוך און דעם פילם איז נאַטירלעך אַ גרויסער אונטערשיד. פאַרשידענע געשעהענישן, פּערזאָנען און עפּיזאָדן זיינען געוויזן אין אַן אַנדערן ליכט. אָבער דאָך האָט דער פילם באַוויזן צו ווייזן אונז אַן אומגעהויערן דאָקומענט.

בשעת דאָס בוך האָט זיך מער אָפּגעשטעלט אויף די העלדישקייט פון די יידן אויף דער שיף „עקסאָדוס”, איידער זי האָט פאַרלאָזט דעם האַפן פון ציפּרוס, אויף די ענגלישע אַכזריותדיקייט, אויף דעם קאַמף צווישן גייסט און גבורה, האָט דער פילם זיך בלויז אַדורכגעגליטשט דורך די פּאַסירונגען און גענומען פאַר די הויפּט טעמע דעם גורל פון די מענטשן שוין אויף דעם ישראלדיקן באָדן. איך פאַרשטיי, אַז עס איז אוממעגלעך צופיל זיך אָפּצושטעלן אויפן לעבן פון איין פּערזאָן (דוב לאַנדאָו) טראָץ דעם וואָס פאַר מיר איז דאָס די וויכטיקסטע געשטאַלט אין בוך. דוב לאַנדאָו איז אַ סימבאָל, אַ סימבאָל פון אומשטערבלעכקייט, פון יידישן גייסט. ער, דאָס יינגל, מוז טראָגן אויף זיך דעם לעבעדיקן, יידישן דור. ער מוז האָבן אַן אייזערנעם ווילן צו לעבן; ער מוז קענען אַדורכמאַכן דעם גיהנום און בלייבן לעבן.

זיין חכמה, אַפילו כיטרעקייט, מוז איבערשטייגן די נאַצישע אויסגערעכנטע פאַרניכטונג. ער מוז גיין דורכן פייער, דורך די בלאָטע און חיהשקייטן און באַהאַלטן די נאַאיוויטעט און אומשולדיקייט פון אַ קינד. ער, דוב לאַנדאָו, דער סימבאָל פון יידישער אומשטערבלעכקייט.

אין פילם זעט מען דאָס בלויז דורכגייענדיק. דוב לאַנדאָו ווערט געשפילט פון סאַל מינעאָ — אַ יינגער וואונדערבאַרער אַקטיאָר, וואָס שפילט די ראָל מיט פייער און אין מאָמענטן מיט אַ ווילדקייט און הייסקייט, וואָס ברענט אַדורך דעם צושויער.

איך בין זער צופרידן מיטן צוטיילן פון די ראָלן, מיט קליינע רעזערוואַציעס. פּאָול ניומאַן, אַ שטערן אויף דעם הימל פון האָליוואָוד, שפילט „אריה בן כנען”. ער איז זער גוט. אָבער ער גיט אייך נישט דעם איינדרוק פון דעם אמתן אריה, זיין גבורה און חכמה, דעם אייזערנעם ווילן. פאַר מיר איז ער צו ראָמאַנטיש און ווייניק ברוטאַל, ווייל ער איז ברוטאַל, אַפילו ציניש אין

זיין צוגאנג; ווייל עס עקזיסטירט פאר אים גארנישט, נאר דער קאמף פאר ישראל.

זער גוט אין איר ראל איז עווא מארי סיינט אלס קיטי פרימאנט, די אמע־ריקאנערין, וואס קוקט מיט קאלטקייט און פונדערווייטנס אויף דעם נישט פארשטענדיקן פראבלעם פון די יידן. פאר איר איז אמעריקע דער סימבאל פון די העכסטע עטיק און גליק.

עווא מארי סיינט גיט אריין אין די ראל א צארטקייט און ווייכיקייט, וואס היילט מיט איר הארציקייט.

די מעטאמארפאזע פון איר נישט גלויביקייט קומט פאר אייערע אויגן נא־טירלעך. איר מקריב זיין איז נישט היסטעריש, נאר אנטפלעקט זיך פאר אייך אזוי ווי א נס. די ליבע פון אריה בן כנען און קיטי פרימאנט אין דער געפער־לעכער צייט פון קאמף און בלוט איז אזוי ווי א בלום, וואס וואקסט אויס פאר אייערע אויגן.

גענעראל סאטערלאנד, וואס פארנעמט אין בוך א שפארן טייל, איז אביסל פארקלענערט אין פילם, אבער דאך געשפילט מיט פיל פארשטענדעניש פון סער ראלף ריטשארדסאן. סער ראלף ווייזט א סימפאטישן טיפ פון א מילי־טערמאן, צעריסן צווישן געהארכזאמקייט פאר זיין רעגירונג און באדויער אויסצופילן גרויזאמע באפעלן.

נישט קענענדיק מאכן קיין קאמפראמיס, פאלגט ער זיין געוויסן און זאגט זיך אפ פון פאסטן. מיט זיין פאסיווער רעזיסטאנץ צווינגט ער די ענגלישע רעגירונג נאכצוגעבן די יידן און לאזן די שיף „עקסאדוס" פארלאזן דעם האפן פון ציפרוס אויף איר הייליקן וועג קיין ארץ־ישראל.

לאמיר יעצט איבערגיין צו די צוויי ברידער: ברק און עקיבא בן־כנען, די געשיכטע פון זייער אנקומען קיין ישראל ווערט בלויז דערציילט אדורכגייענ־דיק. עס איז שווער דערפאר פאר א צושויער, וואס האט נישט געלייענט דאס בוך, צו פארשטיין די צוויי כאראקטערן.

ברק בן־כנען (געשפילט פון לי. י. קאב) דער גבור, דער מענטש וואס גבורה איז אויסגעגאסן אויף זיין גאנצן געשטאלט, האלט נישט פון קיין טעראר. ער איז דער אנפירער פון „הגנה" און גלויבט דאס ישראל וועט געווינען ווערן דורך לאנגזאמער עוואלוציע.

עקיבא, זיין ברודער (געשפילט פון דוד אפאטאשו), איז א קאנטראסט אין יעדן זינען פוןווארט. אן איידעלער, א צארטער, מילדער מענטש, האט ער אבער א נשמה פון א גיגאנט און א שטאלענעם ווילן פון איינעם, וואס שטעלט זיך נישט אפ פאר קיין שום זאך, כדי צו געווינען די אומאפהענגיקייט פון ישראל. ער איז דער אנפירער פון „ארגון", די טעראר־ארגאניזאציע. ער איז „די מאסטער־מיינד", וואס באשטימט אלץ ביז צום קלענסטן דעטייל. צוויי ברידער, וואס זיינען צוזאמען געגאנגען צופיס פון רוסלאנד קיין ישראל; וואס האבן זיך מקריב געווען איינער פארן צווייטן, ווערן זיך בלוטיקע שונאים.

לי. י. קאב אלס ברק בן־כנען און דוד אפאטאשו אלס עקיבא בן־כנען



שפילן זייערע ראלן גוט, הגם איך וואלט נאך געוואלט זען א שטארקערן ברק און א ווייניקער געטלעכן עקיבא.

די ראל פון קארען, אזוי שיין באשריבן אין בוך, איז אביסל בלאסלעך. פארן רעזשיסאר איז די באזעצונג פון ראל „קארען" געווען א שווערע ניס צו צעבייסן. די ראל מוז געשפילט ווערן פון זער א יינגיטשקע אקטריסע. זי דארף פארשטעלן א יידיש מיידל מיט אן ארישן אויסזען. זי דארף זיין קינדיש און גלייכצייטיק רייף. איך האב מורא, אז „דזשיל האווארט", וועלכע האט געשפילט די ראל, האט נאך נישט די דערפארונג פאר אזא פאראנטווארטלעכער ראל.

זייער שיין און אנגענעם צו זען איז זי, אבער אביסל צו קאלט. א שאד.

עס זיינען נאך דא ראלן, אויף וועלכע עס וואלט זיך געווען כדאי אפצו־שטעלן. ד"ר אדענהיים גאנץ גוט פארטרעטירט פון מארטין מיללער; ד"ר ליבערמאן, ווייך געשפילט פון פעליקס איילמער (מר. עמאנועל אין לואיס גאלדינגס בוך) און „טאהא" דער אראבער, סענסיטיוו געשפילט פון דזשאן דערעק. אנדערע געשטאלטן, ווי ירנדה, אריה בן־כנענס שוועסטער „לאקא־וויטש", גרעגארי ראטאוו און אנדערע, זיינען בלויז אילוסטראציעס צום אלגע־מיינעם בילד.

דער פילם „עקסאדוס", א פראדוקציע, וואס מיר מוזן שטארק אפלאדירן און אומבאדינגט זען. ווער עס וויל אנפילן זיין הארץ מיט שטאלץ און ליבשאפט פאר ישראל; ווער עס וויל ווערן מיטגעריסן און פארכישופט פון דער הערלע־כער מוזיק; ווער עס וויל איבערלעבן אן אומפארגעסלעכן אוונט פון פרייד, טרויעריקייט און טריאומף, זאל גיין זען דעם הערלעכן פילם „עקסאדוס".

## א. נ. שטענצל

## די מעשה מיטן בער

די יארן 1903־6 שטייען אזוי לעבעדיק־דייטלעך אין מיין זכרון און אזוי בערבוביה־אויסגעמישט מיט בלייכע טויט־שרעקן, וואס זייערע מאוימדיקע פחדים טראג איך נאך אזוי בולט אין מיין לייב ביזן היינטיקן טאג און מיט קינדישע, אוואנטוריסטישע אויפציטערנישן.

טיר און טויער פארהאקט, איבער פענסטער, אויפן הויף ארויס צומאל, די ראלעטן אראפגעלאזט און איך ווי דער קליינסטער אין שטוב, וואס מיינע אויגן גרייכן קוים צו דער קלאמקע, קאן מיר — ווי אויף אַ בילד וואס הענגט אין פערספעקטיוו — ווי דורך אן אנגעשטעלטן שפאקטיוו, ארויסקוקן אין מארק אריין ווי אינם קינדער־מעשהלע דער „רואה ואינו נראה".

דאס ערשטע, וואס איך קאן מיר טונקל דערמאנען, עס ליגט פינסטער אין מיינע געהירן, ווי אין א פינסטער־קאמער א נעגאטיוו אין ווייק־וואסער און ווייקט זיך אין טרערן:

נאך האלבער נאכט, די גאנצע שטוב שטייט אויף די פיס, אנגעטון, ווי רייזע־פערטיק, די קינדער פארשלאפן, וויינען, מ'האלט זיי אין איין איינשטילן. מיך האלט דער טאמע אן איינגעוויקלטן אין א טוך פעסט אין די ארעמס און

שטייט מיט מיר אונטערן ביישטידל פון דער באבעס שטוב, ווייל זי, די שטוב, ליגט, מסתם, ווייטסט פון דער גאס, נאך דער עס־און שלאף־שטוב. דאס פענסטער, א נישט אויפפאלדיקס, גייט ארויס אין ווינקל צווישן אונזער הויז און דעם פעטערס קאמעניצע.

כ׳זע נאך איצט ווי דער טאטע האלט מיך, זיין שטערן גאנץ אין פאלדן, די אויגן קוקן אין דער ווייטן, און קאן מיך נישט, נאך איצט ריכטיק אריענטירן אין וועלכער זייט די שטוב ליגט, — עפעס נישט אין דער זייט ווי תמיד! — ווי איינער וואס כאפט זיך אויף אינמיטן א שרעקלעכן חלום און ווייסט נישט אין וועלכער זייט ער ליגט מיטן פנים.

איך האב זיי קיינמאל נישט געזען די „טשארני־סאטניקעס“, זיי זענען ביז טשעלאדזש נישט געקומען, אבער מ׳האט אלץ געציטערט מיט א דערווארטנדיקער שרעק: „זיי גייען! זיי קומען!!“

ווי זיי זעען אויס האב איך געוואוסט פון די שטיקלעך אויפגעכאפטע שטילע שמועסן, פון איינצלנע ווערטער פון שרעק־קאשמארן: א שווארצע כאפטע מיט קאסעס, מיט דרענגער, אין גרויסע „מיילן־שטיוול“, איינגעריסטע ווי די גורניקעס, ווען זיי גייען פון דער ארבעט, נאר אנגעטון אין זייערע יום־טובדיקע גורניק־היטעלעך מיט די שווארצע גרויסע פעדערן -- א ים מיט פעדערן! אלע ציכלעך און בעט־געוואנטן זיינען אויפגעריסן, און איבער די היטלעך פלאטערן שווארץ די פעדערן ... איך בין איינגעשלאפן אין טאטנס ארעמס און מארגן אין דער פרי, — און מעגלעך, אז דער מארגן אין דער פרי איז א יאר שפעטער! — א ליכטיקער,צעטומלטער מארק, טויזנטער מענטשן, און מ׳גייט נאך אלץ און מ׳גייט. רויטע פענער פלאטערן אין דער זון. און די גורניקעס, ליכטיק־אפגעוואשענע, גאנץ אין שווארצן אנגעטון מיט די פעדערן־פלאטערדיקע היטלעך אויף די הויך־אויפגעהויבענע קעפ פייערלעך פארויס אין מארשירנדיקע רייען, און די ארקעסטערס שפילן. דאס קומען זיי דורך אונזער שמאלן געסל בארג־ארויף אין מארק אריין די קוילן־גרעבער פון סאטורניע, מילעוויץ פיאסקעס מיט געפויק און געזאנג און די מעשענע טאצן קלאפן צו:

„טשי שלאשטשי זשוצייאם שעוו,
פאנאנאם ראבאטניצא קרעוו“.

כ׳ווייס נישט צי כ׳שרייב עס איצט ריכטיק אויף. כ׳געדענק עס פון דעמאלט אן מיטן ריטם פון דער מעלאדיע. א שטאלצער יום־טוב, אן ערנסטע פייערלעכקייט האט געשטראלט פונם מארק. האט איין ארקעסטער אויפגעהערט, האט דער צווייטער אנגעהויבן.

און פון דער לינקער זייט, פון טונקעלן קאשטשיאל־געסל קומען שווארצע טרומנעס ארויס. אויף די טרומנעס ליגן רויטע פענער, און אנדערע אין מיגניענדיקע קאלירן און גורניק־היטלעך מיט פעדערן. איך צייל, אבער ווייטער ווי 20 קאן איך נאך נישט ציילן. נאכדעם קומען שקצימלעך אנגעטון אין ווייסע העמדלעך טראגן אזעלכע מינים קישעלעך, שאקלען רויכיקע קעסעלעך,



און דער פראבאשטש גייט א בלעקעצדיקער, אן אנגעטוענער אין זיידענע קיטלען און גאלדענע שפאניעס ארומגערינגלט מיט גלחים. און עס שיטן זיך אין די טויזנטער און אלע אין שווארצן, שטילע, מיט געבויגענע, בלויזע קעפ, מאנכע מיט גרויסע אנגעצונדענע ליכט, ווי יום־כפור להבדיל — כ׳הער ווי די מאמע וויינט! — עס ציט זיך אן אויפהער, און צום סוף גייט דער סטראזשיניאווע ארקעסטער און שפילט אזוי טרויעריק, אז עס ווילט אזש אויך וויינען — אבער זע, הינטן קומט נאך די גאנצע סטראזשיניאווע אין די מעשענע קאסקעס, מיט גלאנציקע העקלעך אין די שווארצע פאסקעס, ווייסע פאסראנקעס הענגען אראפ, און פון פארנט גייט דער פעטער חיימל, דער נאטשאלניק פון דער סטראזשינאווע, די הויכע געבויגענע מעשענע קאסקע אויפן קאפ און אויף דער ברייטער ברוסט באהאנגען מיט מעדאלן פאכעט זיך פייערלעך שווארץ־צעקעמטע בארד.

כ׳וויל אויסשרייען „דער פעטער חיימל!“, נאר שוין רייטן הינטער זיי אריין אויף זייערע קליינע פערדלעך די קאזאקן. דער ריטמישער געקלאפ פון זייערע פאדקאוועס מאכט דאס געסל נאך טונקעלער און נאך שטילער.

די קאזאקן־פערדלעך — כ׳וועל זיי קיינמאל נישט פארגעסן! איינמאל א פרימארגן, דער אויבערשטער טייל פון האלבן מארק אראפ צו דער פיעדמיעשטשע איז פול מיט קאזאקן. זיי זיצן ארום ביי די ווענט אונטער די זיילן פון אלטן מאגיסטראט אויף די פאטשענע מיט די פיס אין רינשטאק אריין, זיי שניידן שטיקער שווארצע מוציאס פון גרויסע, קאנטיקע שווארץ גלאנציקע ברויטן מיט פויערישע קאזשיקעס. קייען הויך מיט די ציינער און שטופן די פערדלעך אין מויל אריין. פון אונטער די היטלעך אן דעכלעך קוקן ארויס פארשייטע טשופרינעס און בליציקע, קליינע קאלמיקן־אייגעלעך. די געפאלדעוועטע הויזן איבער די קליינע שטיוועלעך מיט רויטע לאמפאסן — עס האט אויסגעזעען ווי פורימדיק.

אַ גערעש, אַ גערודער, דאָ שפילט איינער אויף אַ הארמאשקע, און אינמיטן מארק, וואו ס׳איז ליידיק, טאנצט א פערד, א קאזאק שטייט דעראויף, דאס היטל „נא־באקום“, די „פאה“ צעפלאשעט און ער מיט א שמיטשיק שפילט אויף א פידעלע.

דער גערוך פון די פערד, פון די פארנדיקע קעסלען און פון קאזאקן־לייבער אויסגעמישט מיט דזשעגעטש־און־מאכארקע ריח, רייסט די נאז.

דערזעענדיק דעם פריילעכן הארמידער, בין איך שטיין געבליבן פארן „ראט־הויז“, וואו א כאפטע זיינען געלעגן אויף די בייכער און געשפילט אין קארטן. די קעפ אין אן עיגול, די פיס אין די שטיוועלעך געווארפן פון זיך, ציען זיך ווי שפריכעס פון א צעלעכצט ראד — א געלעכטער שיט זיך, ווערטער מיט שאלעכטס פון שעמיטשקעס, און ווי מיט קנאקעדיקע ניס — „קאק, קאק, קאק“.

איך בין שוין אין חדר נישט געגאנגען! און מיטאמאל א געשריי מיט א הילך, מיט א קוויטש און אין איין כהרף־עין און אלע קאזאקלעך זיינען

אויף די פערדלעך. פון פארנט איינער מיט א צעבלאנקעטער שאבלע, א צעבליצטע אין דער זון, הינטער אים א וואלד מיט פיקעס. א געזאנג האט זיך צעגאסן איבערן מארק, ווי אונטערגעכאפט איינער פון אטדערן און די פערדלעך האבן אונטערגעטאנצט — די קיילעכדיקע שפרינגענדיקע זאדיקלעך גלאַנצן אין דער זון.

אין חברה קליינוואַרג, ווי פאַרכישופט, ווי היפנאָטיזירט, אין מארש נאָך זיי. מיר זיינען נאכגעלאפן ביז נאך דער בריק, ביז צום סאטורניע־וועג, וואס ציט זיך גרילצנדיק און שווארץ אין גרוז צווישן דער גראזיקער, גרינער לאנקע. וואָס אין שטוב ס׳האט זיך געטון, קאן מען זיך פארשטעלן: די קאזאקן האבן אים אויף א פיקע שוין אויפגעכאפט... צעטרעטן מיט די פערדישע פיס...

פאַרנאכט האט מיך, א פארבלענדזשעטן, א באקאַנטער גוי, וואס איז געגאנגען פון דער „שיכט“, ערגעץ געפונען שטיין א וויינענדיקן. „האלטעק“! האט ער זיך מיט מיר ידערפריידט. (אונזער גאנצע משפחה איז געגאנגען אויפן זיידנס פארנאָמען. ער האט געהייסן אלטער נחום, און די גוים האבן אים גערופן „האלטעק“). ער האט געוואוסט, אז דאס שמעקט מיט „עפעס“ און איך האב פארשטאנען, אז כ׳בין א געראטעוועטער, און בין אים א פריילעכער נאכגעלאפן זיין שנעלן גאנג.

מיין טאטנס ערשטע רעאקציע איז געווען נישט די שמחה מיך צו דערזען, ווי ביי דער מאמע און די שוועסטערן, נאר ער האט מיך גענומען אויף דער שויס און מיר ארייגעצימבלט, ווי אין פסוק שטייט. עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן און אויך דאס לעצטע מאל. איך בין אנטלאפן, נישט קיין וויינענדיקער, נאר א פארשעמטער, און איבער־הויפט פארן ערל, וואס איז דא געשטאנען און א פריילעכער דערציילט דער מאמען וויאזוי און וואו ער האט מיך געפונען.

איך בין אריין אין דער באבעס שטוב און מיך געווארפן אויפן בעט און געהעשעט אין קישן אריין. ווער ווייסט ווי לאנג איך בין אזוי געלעגן. די שוועסטערן זיינען געקומען, די מאמע איז געקומען, מ׳האט אי מיר אריינגערעדט. עס האט גארנישט געהאלפן.

דער טאטע איז צוגעקומען, די באבע האט מיר אריינגעברענגט דאס עסן, איך האב מיך געמאכט, אז איך שלאף.

אין דער פרי אין חדר האב איך געהאט גאנצע פעק מיט מעשיות, דער עיקר פון די קליינע פערדלעך, ווי זיי טאנצן. עס האט מיך קיינער נישט אויסגעהערט. די גרעסערע יינגלעך האבן זיך געהאלטן אין איין סודען, און מיך, דעם לאנג־געוואקסענעם, וואס אין אלע שפילן בין איך געווען אין קאן פון די ראש־בר־יונים, פון די חברה, האבן זיך געהאלטן איצט פון מיר פון דער וייטן, אין איין סודען — קאנספיראציע!

דער רבי האט זיך ארומגעדרייט ווי אן א קאפ. דער בעלפער האט שנעל מיט אונז אפגעדאווענט. מיר, די קליינע, האבן מיט איין אויג ארויסגעקוקט פון די סידורים און געזען, אז די גרויסע האלטן זיך אין איין סודען, אפילו אין



מיטן דער שמונה־עשרה.

פלוצלינג האט משה יאסל, דעם דאמען־שניידערס יינגל, וועלכער האט זיך ערשט געהאט אהערגעצויגן, א כאפגעטון דעם בעזעם, וואס איז שטעטס געשטאַערשט געהאט אהערגעצויגן — נען גרייט אין א ווינקל פאר א „פעקל“. דעם רבינס רויטע פאטשיילע וואס ער האט שוין געהאט באהאלטן אין טאש, צוגעבונדן צום בעזעם; אלע גרויסע זיינען נאך מיט אים און אנגעהויבן צו זינגען: „טשי שלאשטשי — — — דער בעלפער, וואס איז נישט קיין סך גרעסער געווען ווי משה יאסל, האט שנעל צוגעמאכט דעם סידור, א וואונק געגעבן צו אונז, און מיר אלע נאך אים.

„דאלי וויענץ, דאלי וויענץ“ האט ער מיט אונז געזונגען, און מיר האבן לאכנדיק נאכגעזונגען אין כאר „דאלי וויענץ, דאלי שוועגץ“, ווי ביים „קריאת־שמע לייענען“ ביי א יולדת, מיר האבן שטיפנדיק געזונגען „ברוך שמו, קישקעלע פלוי“.

זייט דעמאלט זיינען געשטאנען זעלנער אויף די קאפאלניעס. אפיצירן שפאצירן אין מארק, סאלדאטן פארשטעקט אין די ראגעס פארשאכערן חצי־חינם שווארצע, געשמאקע זעלנערישע ברויטן, וואס זיי האלטן אונטער די פאכוועס. קויפן א פעקל מאכארקע, א „ביכעלע“ ביבל־פאפיר, בעטן ארייגיין אין מאנאפאל קויפן א „מאנאפאלקע“. אין די יידישע געוועלבער איז א שפע.

ביינאכט הערט זיך א פארשייט לאכן באגלייט מיט רוסישע קללות פון די פינסטערע טויערן. אין דער פרי געפונען מיר מעשענע שינעל־קנעפ, די גרעסערע, די פיפיקע, ווייסן שוין וואו צו זוכן און עס ווערט א גאנצער מסחר אין חדר — אזא „אזשאל“־קנאפ, א „ביטש“ — האט די ווערט פון 12 פראסטע קנעפ.

פרייטיק־צו־נאכטס האבן זיך אנגעהויבן צו יאוויען יידישע זעלנער אין שטיבל. פאר אונז יינגלעך איז עס געווען א לעבן. מיר האבן זיך געשפיגלט אין זייערע מעשענע קנעפ, אין די שנאלן פון די פאסקעס און זיי געקוקט אין די יידישע אויגן אריין מיט אזא מוראדיקער פרייד.

און וועמעס טאטן ס׳איז געלונגען אהיימצונעמען א זעלנער אויף שבת, דער איז געווען א גאנצער מיוחס — יעדער האט געהיטן זיין זעלנער! שבת בייטאג זיינען געקומען אנדערע. אין די קומענדיקע שבתים — מערער.

די ליטווישע האבן זיך צוגעשארט צו דער שאנק־ספרים און געקוקט אויף די רוקנס מיט א היימישער הנאה. מאנכע גאנץ דרייסט האבן א נעם ארויס געגעבן א גמרא, זיך געזעצט צום טיש און געלערנט מיט געשמאק. דער ניגון, דאס מטעים זיין, אפילו די ווערטער ארויסריידן זענען אונז געווען פרעמד אבער מאדנע היימיש און מיר האבן געקוקט אויף „חידושים“.

די אוקריינישע זיינען געשטאנען דערשלאגענע ביי דער טיר און אויסגעזען טרויעריקע און פארטראכטע. ווען מ׳האט אנגעהויבן דאווענען, האבן זיי אריינגעקוקט מיט אונז אין די סידורלעך און צוגעהאלטן ביי „לכה דודי“, און שוין געווע גאנץ אייגענע.

אין דער וואָכן, ווען זיי האָבן געהאַט פריי פון סלוזשבע, זיינען זיי געווען היימישע אין ייִדישע שטיבער, וואו ס'זיינען געווען דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך. „דער ליטווישער" פלעגט כּסדר קומען שמועסן און לערנען מיטן טאַטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַפּנים, נישט נאָר אַן איינדרוק צו מאַכן מיט אַ תּוספות יום־טובֿ, מיט אַ מהרש"אַ אין שטיבל און ביים טיש, נאָר אויך אין דער ראָטע, אין דער קאַזאַרמע ביים קאָמאַנדיר.

אַז „אונזער" אוקראַיינישער איז אַ שבת נישט געקומען, געהאַט סלוזשבע, האָט מען איינגעפּאַקט אַ פּעקל פיש און טשאָלנט און „אַרויסגעטראָגן". מיך האָט מען געמוזט מיטנעמען, ווייל איך האָב נאָך געמעגט טראָגן — מיינע שוועסטערן זיינען שוין געווען „גרויסע".

מיר האָבן זיך מער געשאַרט ביי די אוקראַיינישע, זיי האָבן גערעדט „אונזער" לשון און אויך געווען מער צוגעטון.

„דער ליטווישער" פלעגט אָפט מיטנעמען אַ בענדלדיקן, אַ פּאַניע, „זייך קוואָדנע": „זיך צו באַווייזן מיט זיינע ברידער ייִדן". ער האָט געקריגן אַ שטיק פיש, אַ טעלער טשאָלנט. ער האָט זיך גאַרנישט געקענט אָפּלויבן און אָנעסן. מ'האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל 95ער, און ער האָט עס מיט איינמאָל אַ גאָס־אַריין געגעבן אין האַלדז אַריין. ער איז שיער נישט געבליבן אַ טויטער: „חאַ דאַ, דאָס איז נישט אונזערע מאָנאָפּאָלקעס". איינמאָל האָט ער אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש, האָט געפעלט אַ בעכערל — „פּאַניע גנבֿ"...

„דער ליטווישער" איז מער נישט געקומען, אָבער זייט דעמאָלט איז פריייטיק פאַר ליכט־בענטשן געוואָרן אַ געדרענג אין געוועלב; ראַפּטים האָבן אין דער איילעכער טונקל־וואָרעניש אַ פּאַק אַריינגעגעבן אַ כאָפּטע קאַצאַפּישע סאָלדאַטן, און אַלע הינטן ביי דער טאַשעוואַניע ווו ס'ליגט די שניט־סחורה. צווישן די יונים וואָס האָבן אַלע איין פּנים האָט די מאַמע דערקענט דעם „זוואָדנע", האַלטנדיק אים אויפן אויג האָט זי דערזען ווי ער שטופּט אַ שטיק טייערן קרעפּטעשין אונטער גרויען שינעל — —

איך וועל נישט פאַרגעסן יענעם פריייטיק־צו־נאַכט! ס'איז געווען אַ פּאָגראָם אויף מיין ייִנגער נשמה, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן קינדיש־טאַפּן אין פינסטערניש פון לעבן צווישן באַדינגונגען און געשעענישן, שנאַפּן ווי אַ פאַרבלאָנקעט הינטל —

אָנגעצונדענע סטרינענע ליכט אין די זילבערנע שבת־קודש לייכטער. דער געדעקטער טיש פון אַלעם גוטן, דער טאַטע האַלט אין מיטן שניידן דעם אייער־געלבלעכן ברייט געפלאָכטענעם חלה־קוכן, אַ ברוינלעך־אויסגעבאַקענעם פון „פיערווי סאָרט" פיר נוליקן געבליטלטן זעמל־מעל — — — גיט זיך די טיר אַ פראַל־אויף און אינמיטן שטוב שטייט דער „זוואָדנער" צווישן צוויי סאָלדאַטן מיט די ביקסן אויף די אַקסלען און ביי דער זייט אַן אָפיציר מיט גילדענע שליפעס מיט ביידע הענט אויף דער שווערד, און זיין בליק פאַלט דירעקט אויפן אַקאַרשט אויפגעשניטענעם חלה־קוכן.

דער טאַטע איז געבליבן זיצן ממש אַ טויטער, מיינע בליקן זיינע געפאַלן



אויפן ליכט־צעבליצטן קלונג פונם מוצאי־מעסער, וואָס איז געבליבן פלאַט ליגן צווישן די צוויי טיילן פונם שמעקעדיקן חלה־קוכן — די פּאַנישע נעזער האָבן רציחה'ש געאַרבעט! נישט נאָר דער ווייַן, אַלץ וואָס אויפן טיש איז געוואָרן נסך!...

די „אשת חיל" האָט שנעל געפאַסט די סיטואַציע איז גיך מיט זיי אַריין דורך דער שייבן טיר אין געוועלב אַריין. נאָכן „נאָכקאָנטראָלירן" האָט זי זיי אַרויסגעלאָזן דורך די געוועלב־טיר, נישט צושטערן דעם שבת־טיש, ס'איז אָבער שוין געווען אַ צעשטערטער שבת.

ס'האָבן נישט געהאָלפן מער אירע טענות: אַז ס'וואָלט אַזוי ווייטער אָנגעגאַנגען וואָלטן זיי אויסגעליידיקט ס'געוועלב, „וואָס ווייסט דו ווי אָנצוגיין... מיר וועלן צוריקהאָבן צוגעגנבֿטע בעכערל!" דאָס לעצט האָט זי שוין די מאַמע גערעדט צו מיר, ווייל דער טאַטע איז אין שטוב שוין נישט געווען.

די צוויי שועסטערלעך, שבתדיק־פאַרקעמט מיט זיידע בענדלעך אין די ציפּלעך, זיינען געשטאַנען אין די ווינקלען און געגלאָצט מיט דערשראָקענע אויגן. די מאַמע האָט זיך אָוועקגעזעצט „אַ פּערטיקע"... זי האָט מיך גענומען אויף דער שויס און הייסע טראָפּן האָבן געקאַפּעט אויף מיין פּנים.

זי האָט זיך שטיל געשאָקלט, אירע זאַפּטיקע ליפּן זיינען געווען דין־פאַרשנירלט, די געטאָקטע, פיין־געשניצטע נאָז האָט זיך נערוועז־באַוועגט מיט אירע שוועבנדיקע פליגעלעך, האָט שאַרף געגלאַנצט אין פאַרשעמטן שבת־קודש־ליכט.

ווי שיין האָט זי אויסגעזען, ווי ווילד האָט עס געאַרבעט ביי איר אין קאָפּ, קאָלירן זיינע געלאָפּן איבערן שטערן אונטערן פעלענעם שבת־שייטל.

איך בין געזעסן שטיל אויף איר נערוועז־ציטערדיקע שויס, געוואַרט אירע אויגן זאָלן זיך אויפעפענען, מיך טוליענדיק אַרומנעמען מיט זייער טיף גרינעם שיין, אַ ווייטן, אַ ווילדן און צום ווייפלטן מאָל מיר דערציילן פון זיידנס 5 ברידער, די וואָלבעראָמער פּעטערס, וואָס האָבן דאַ הי, אויף דער גרענעץ געבונדן 10 אָביעשטשיקעס און אַדורכגעפירט 30 וועגענער מיט אייזערנע זאָוויאַסעס..

די ליכט האָבן אָנגעהויבן רויכערן, שמעלצנדיק צו צאַנקן, די שטוב איז געוואָרן פול מיט סוואָנט און מיט שאָטנס, מיך מורא געהאַט אַריר צו טון: „דעמלט האָט נאָך קיין איין ייִד נישט געוואוינט אין טשעלאַדז, איז אַ נייער אַהערגעקומען, האָבן אים די הינט צעביסן צאַנקט עס אין מיר פינסטערלעך טשעלאַדזש איז דערווייל זייער שנעל געוואַקסן. פון די 50־40 פאַמיליעס איז גיך געוואָרן אַכציק־ניינציק. ס'האָבן זיך געמערט די הוטעס: אין דער פרי און פאַרנאַכט דאָס געגיי פון דער „שיכט" און צו דער „שיכט" האָט זיך געצויגן אין לאַנגע, שוואַרצע רייען: די גורניצקע לעמפּ, די בלאַע שייניקלעך, די שפּיציקע העק אויף די פּלייצעס. נישט נאָר פון די טשעלאַדזשער פויערישע הייזלעך, נאָר אויך פונם אַרום פון די נאָענטע דערפער.

די ייִדישע געוועלבלעך האָבן זיך געמערט, איבער נאַכט איז אַ פרישס אויפגעקומען. שוסטערס, שניידערס, בלעכאַזשעס זיינען אָנגעקומען, אַ נייער בעקער האָט זיך אַהערגעצויגן, און גייערס אויף די דערפער — דער עיקר

זיינען זיי געקומען פון „מלך אביונס גיטער“.

ביי אברהם יידל שוסטער האט זיך געמאכט א וואלבעראמער שטיבל. ביי נחמיה שטראכליץ איבער דער מקווה האט מען אויסגעהאקט א וואנט, א קיילעכדיק פענסטער אויסגעמויערט, און עס גערופן דאס בית־מדרש.

די שאלות ביים טאטן, פרייטיק פארנאכט, האבן זיך געמערט (אין דער וואכן האט מען געמוזט לויפן פרעגן צום רב קיין בענדין). די מאמע, כאטש זי איז געווען די אשת־חיל און געפירט דעם זיידנס ירושה־געשעפטן, האט מען זי גערופן „די ר׳ חיים בערישטע“ און מיך — דעם דיינס ייִנגל.

ס׳האבן זיך באוויזן גרעסערע ייִנגלעך. קיין תלמוד־תורה, קיין ישיבה איז נישט געווען. אין שטיבל זיינען בחורים געזעסן און געלערנט, זיך ארומגעשלאגן. אין ווייבער־שול איז א היימישער ייִד, א קרענקלעכער, יוסף זשארנאווצער, געזעסן און געלערנט מיט גמרא־ייִנגלעך. גרעסערע בחורים, גוטלערנערס, זיינען געקומען צום טאטן אויף א שיעור, שמועסן אין לערנען, אויף א פרעגעכטס. „ייִנגען“ בעלי־מלאכות, געזעלן, גיין שבת קיין בענדין...

אין די זומער־פארנאכטן, אויף די שוועלן פון אונזער פאדערהויז, פאר די פארקאלעפטע טירן ארויס צום שמאלן געסל, נאכן זיידנס טויט זיינען זיי געבליבן פארשלאסן און פארקייטלט, זיינען ייִנגען געזעסן אויף די שטיינערנע שוועלן און עפעס א שטעפער־געזעל, א פרעמדער ייִנג, וואס אלע בעלי־בתים האבן געקוקט אויף אים מיט חשד האט געהאלטן אין איין ריידן.

איך בין געשטאנען אין קארידאר, ארויסגעקוקט דורך א שפארע: שפיציקע וואנסעלעך האט ער, ער גייט אין א צוויקער, א בינאקל, מאדנע ווערטער האב איך אויפגעכאפט און נישט פארשטאנען: וואס איז דער מענטש? א פענכער! מען שטעקט אריין א נאדל און די פארע גייט ארויס.

עפעס האט זיך שוין געמוזט טון אין טשעלאדזש, פון אלעם צוביסלעך, בערבוביה. דער אלטער שלום, דער לעדער־סוחר, ביי וועם דער שטעפער האט געארבעט האט געקלאפט אין שטיבל אין טיש אריין: „שבת גייען זיי אן אן עירוב קיין בענדין!... איינער דערציילט: שטראכליצ׳ס זון איז געפארן קיין טשענסטאכאוו אין דער גארטן־שולע. ער גרייט זיך צו פארן קיין ארץ־ישראל.

פון ארץ־ישראל האב איך געוואוסט. ס׳פלעגן שוין קומען ארץ־ישראל ייִדן קיין טשעלאדזש. זיי זיינען געגאנגען אנגעטון אין קאלירטע כאלאטן, און דער טאטע פלעגט מיט זיי שיקן א בחור זאמלען די ר׳מאיר בעל־נס פושקעס. די שטוב איז פול געווען מיט שארפן רויך פון די פייקעס...

אויף פסח איז שטראכליצס זון אהיימגעקומען. ער האט גאנץ אנדערש אויסגעזען, אנגעטון ווי א שגץ, א פארברענט, ברייט פנים, א פאר ברייטע פלייצעס. מיר ייִנגלעך, גייענדיק פון מקווה, האבן אים נייגיריק אנגעקוקט. ער האט אויף אונז געקוקט מיט אזעלכע יום־טובדיקע אויגן, פון זיין „יוניש“־פארברענטן פנים האבן זיי אזון ייִדישלעך גוט ארויסגעקוקט — עפעס האט זיך שוין געטון אין טשעלאדזש!

איינמאל פארנאכט שארט זיך אריין א קליין יידל אין שטוב אריין:



א יידל מיט א מאדנעם אויסזען, מיט א לאנגער, שוין אביסל גרווילעכער בארד, א לאנגן פאלטן, אבער מיט א היטל נישט ווי יידן טראגן, מיט א דאנקע, נאר אזוינס ווי פאר קינדער — אכט־קאנטיק, קיילעכדיק, מיט א קנעפל אין קאפלדיקן מיטן און מיט א גרויסן, ברייטן דאשעק. א ייִד ווי אלע יידן, נאר דאס היטל האט אים געמאכט מאדנע.

דער טאטע איז געזעסן ביים קליינעם טישל, ביים פענסטער, ווייל ס׳איז שוין געווען אביסל טונקל, און זיך „ארויסגענומען די אויגן“ איבער א ספר. ער האט זיך אויסגעדרייט, זיך אויפגעשטעלט און געגעבן אים „שלום עליכם“. דער מאדנער ייִד האט אים אויך עפעס מאדנע שטיל געזאגט, כמעט איינגערוימט.

„זעסט“, האט דער טאטע צוגערופן צו דער מאמען און זיך דערפריידט מיט אים ווי מיט אן אייגענעם, „דאס איז דער פאטער פון אוקריינישן זעלנער“.

מ׳האט אים זייער בכבודיק אויפגענומען. די מאמע האט געזאגט: „מ׳האט באלד געזען, אז אייער זון קומט פון א טאטנס הויז. מיר זיינען אלע צוגעטון צו אים — מיין ייִנגל חלשט פאר אים.“ דער ייִד איז געשטאנען מיט טרערן אין די אויגן. ער האט ארויסגענומען א גרויסע רויטע פאטשיילע און מיך אנגעקוקט מיט אזויפיל ליבשאפט, אז דאס מאדנע יידעלע, מיט דער גרויסער לאנגער בארד, מיט דעם קיילעכדיקן היטעלע, מיטן קנעפעלע אין מיטן, האט ביי מיר אנגעהויבן אויסזען ווי עפעס א ווייטער פעטער, וואס איז אוודאי צוריקגעקומען פון די רויטע יידעלעך פון יענער זייט סמבטיון — טאקע די רויטע, גרויסע פאטשיילע האט ער דאס פארשפרייט אויף די שטיינער־ווארפנדיקע וואסערן און איז צוריקגעקומען.

עס איז געווען פאר פסח. דעם טאטנס שטוב האט מען געהאט ערשט אויסגעווייסט, די אולטראמארין־בלוילעכקייט האט נאך פייכטלעך גרין געגלאנצט, דער קאלך־גערוך האט געריסן אין האלז. „דא זעץ זיך נישט, דא ריר דיך נישט“. דער טאטע האט דעם גאסט אפילו נישט געבעטן זיצן. זיי זיינען ארויפגעגאנגען אין „שטיבל“ אריין צו מנחה.

נאכן נאכט־עסן האט מען מיך קודם געלייגט שלאפן. דער טאטע האט געטראכט: דער ייִנג שלאפט דאך שוין, מסתם, ארומגעבראיעט א גאנצן טאג. איז דאס בעסטע צו שמוסן וועגן אזא דעליקאטן ענין ארייגצוגיין אין מיין שלאף־שטוב.

איך בין אבער נישט געשלאפן. וויאזוי האב איך געקענט שלאפן? דאס קיילעכדיקע היטעלע מיטן זיידענעם קנעפעלע אויפן שפיץ האט מיך ממש משוגע געמאכט. איך ליג און לאך צו מיר און דערהער ווי צוויי יידן שארן זיך אריין שטיל און שפיר, אז דאס שמעקט מיט סודות, מיט נייגיר.

דער ייִד נעמט ווידער ארויס די גרויסע, רויטע פאטשיילע! דאס גייט ער מיין טאטן טאקע דערציילן פון יענער זייט סמבטיון, פון משיחן... איך ליג מיט איינגעהאלטענעם אטעם. עפעס כאפ איך שוין אויף. „די מלחמה מיט יאפאניע“. יא, די יאפאנטשיקעס, מלחמת גוג ומגוג — — —

„מיין זון גייט מיר אויס, ער איז אן איידל קינד". „מען זעט", הער איך ווי מיין טאטע זאגט, טרייסטנדיק־טרויעריק. מען שמועסט וועגן מאכערס, וועגן גיין איבער דער גרענעץ.

איך שפּיר, אז די יידן זיינען אין א מצידה, אין גרויס פארלעגנהייט, זיי געפינען נישט קיין אויסוועג. איך קאן נישט מער איינהאלטן דעם אטעם און משמעות, איך וויל זיי אויך העלפן. איך כאפּ מיך אויף אין בעט אין „איין העמד" און שריי אויס, ווי נישט מיט מיין לשון: „ער קאן זיך דאך מאכן א שבר"! איך האב דאס, מסתם, אויפגעכאפּט אין חדר, אין „שטיבל".

די צוויי יידן, מיט די לאנגע בערד, האבן זיך צו מיר א דריי אויס געגעבן, ווי צו עפּעס א ווילדער זאך, ווי צו א רוח אין ווייסן. דאס לעמפּל אויפן טיש איז באותו הרגע אויסגעגאנגען, איך האב נאך פארנומען דאס שטילע זיך ארויסשארן.

אין דער פרי איז דער ייד שוין נישט געווען. דער טאטע האט אויך ווי עפּעס מורא געהאט פאר מיר זיך צו ווייזן: עפּעס ווייסט שוין דער יינג צופיל. מ'האט מיך אפּגעשיקט אין חדר אריין נאך איידער דער טאטע איז אראפּגעקומען פון שטיבל. ווען ער וואלט מיך געזען, וואלט ער מיך נישט געקענט אנשרייען, נאר שמייכלען אין בארד אריין: אן איינפאל פון א יינג — א שבר! ווו האט ער דאס אויפגעכאפּט? . . .

די מאמע האט שוין געמוזט אלץ וויסן. זי האט מיך געוואלט ארויספטרן איידער „זיי" קומען פון דאווענען. „גיי שוין, גיי שוין, ס'איז שפּעט, דער בעלפער וועט נאך דיר קומען און דיך שלעפּן איבערן מארק. נאך דאס פעלט מיר, אז פרעמדע יידן זאלן זעען".

איך, אפנים, האב אויך געמוזט טראכטן, אז אמבעסטן איז איך טראג מיך אפּ. און איך האב דאך אויך געהאט א גאנצע מעשה צו דערציילן פון די רויטע יידעלעך. כ'האב דאך אליין געזען די פּאטשיילע . . .

א שבת אין דער פרי, פאר פסח, האט גערעגנט. עס איז געווען, מסתם, שבת־הגדול. נעכטן זיינען געקומען די גבאים פון נחמיהס בית־מדרש, איינער מיט א געשוירן בערדל, מיט א קאלנער; דער צווייטער איז געווען א באקאנטער „שווארצער". „פיעראן, פיעראן," האט ער געהאלטן אין איין אריינרייזן צו דעם מיטן געשוירענעם בערדל: אז דער טאטע זאל קומען האלטן א שבת־הגדול דרשה אין בית־המדרש. דער טאטע האט זיי הלצהדיק אפּגעזאגט: „איר ווייסט דאך, אז איך בין נישט קיין רב כ'זאל מיך אריינמישן אין די מחלוקות מיטן מורה הוראה . . . איר פיניקט פשוט א תלמיד חכם" . . .

אין מיטן דאווענען אין „שטיבל" זיינען אלע צוגעלאפן צו די פענסטער נישט מען האט מער געדאוונט, נישט מ'איז אהיימגעגאנגען. די יינגלעך זיינען אראפּגעלאפן. אונטן איז שוין די גאנצע ווייבער־שול געשטאנען און געוויינט, ווי פון תחינות ארויס.

שעהן־ווייז האבן זיך געצויגן פּיעכאטע־סאלדאטן, אין לאנגע, אדורכגע־נעצטע שינעלן, מיט שווערע ראנצעס אויף די רוקנס, די ביקסן אויף די



ברוסטן. א געדרעפּטשע אין דער בלאטע — עס האט גאר קיין סוף נישט גענומען!

די זוואדנעס האבן געשריגן, אפיצירן זיינען שנעל אויף פערד אדורכגע־ריטן. מארשן האבן אויפגעזונגען, פייקלעך האבן געפּויקט. עס האט אזא טרויער ארומגענומען. איך האב נישט געוואוסט וואס מיינט מלחמה. איך האב געזעען ווי די ווייבער וויינען, די סאלדאטן דרעפּטשען אין רעגן מיט קעפּ אראפּ.

איך האב געזוכט די יידישע זעלנער. כ'האב נישט געקענט געפינען. מיינע שוועסטערן האבן עפּעס יא צוגעווארפן חלות צו אייניקע און צוגעשריגן, און זיי האבן לאכנדיק געענטפערט.

איך האב געהאלטן אין איין זוכן דעם „אוקריינישן". פאר מיינע אויגן האט געטאנצט אין רעגן דאס קיילעכדיקע, קינדישע היטל מיטן קנעפּעלע אין מיטן און אלץ געהערט ס'טרויעריקע קול: „מיין קינד וועט מיר אויסגיין".

עס איז געווען אזא טרויעריקער שבת, א רעגנדיקער, א וויינענדיקער.

ווען עס איז געקומען זייער פּאסכא איז געווען לעבעדיק, „ליהודים". די שקצים זיינען ארומגעלאפן מיט אזעלכע ספּעציעלע שיקאווקעס, ווי להבדיל א חהש פריער מיר מיט די המן־קלאפּערס, און באשפּריצט יעדן פארבייגייער — עס איז געווען אזא מין קארנאוואל־שפּיל. מיר יידן האבן געוואוסט, אז ס'איז זיך נישט צו שפּילן, אבער מיר האבן'ס צוגענומען באהבה ערגער איז געווען, אז דער „שווארצער פּרייטיק" איז אויסגעפאלן מיט אונזער ערב־פסח און מיר האבן מורא געהאט, אז זיי זאלן נישט באשפּריצן מיט די שיקאווקעס די כלים, וואס מיר טראגן פון טובלען, די ערב־פסחדיקע מצות, וואס מ'טראגט אין די ציכלעך פון בעקער.

פסח האבן מיר געפּראוועט אין דער אפּעצינע. דאס איז געווען א גרויסע קאך מיט א גרויסער שטוב; אויבן איבער זיי איז געווען דאס חסידים־שטיבל. די אפּעצינע האט דער זיידע אויפגעשטעלט עקסטרע פאר זיין איידעם, וועם ער האט צוגעזאגט אייביקע קעסט. דאס קיך־פענסטער איז ארויסגעגאנגען צו שאנצנבערגלען דעם שוסטער, אויף זיין הייפל. ווי לאנג דער זיידע האט גע־לעבט איז עס פאר אים געווען א גאנצער כבוד. שפּעטער האט ער דעם טאטן אנגעטון גרויסע צרות, געצויגן פון אים געלט פאר דער „פייער מויער", פארן פענסטער, וואס קוקט ארויס אויף זיין הויף. דער טאטע האט אים נישט געקאנט ליידן, נאך מער זי, מיט אירע זיסע ריידעלעך: „סטארי זאקאנ־ניך" און ווידער „סטארי זאקאנניך" און „דוכאווני" און ווידער „דוכאווני". האט מען צוגעשלאסן די אפּעצינע אויף א גאנצן ווינטער און מ'האט גערופן דרויסן די קאך — „די יום־טובדיקע קאך".

אין דער שטוב האט מען געפּסחט. קודם איז מען געווען זיכער פון א חשש חמץ, והשנית האט עס אויך אויסגעזעען פסחדיק. די מעבל איז געווען מאדערן, די ווענט אויסגעמאלן מיט דעסענס.

האט מען ערב־פסח אן עפן־אויף געגעבן די „געוועלב־טירן" אויף די קייטלען און דורך די שייבן־טירן — לאנגע פארהאנגען פון אויבן ביז אראפּ.

מיט בלויע שלייפן געבונדענע צו די ביישטידלעך, די קליינע פארהענגלעך אויף די שייבלעך געלבלעך־גאלדן געוואשן אין זאפרן, כל־ערליי פייגל אויס־געהאפטענע, — האט די זון אריינגעשטראלט. די שטוב, מיט די בלוילעך־רויזלעכע טאפעטן מיט גאנצן גאלדלעך־געלן־גלאנציקן מעבל געבאדן אין דער זון. מ׳האט ממש דעם פסח געקענט אנטאפן ליכטיק־צעטאנצט, שטראליק־צעפלאטערט אין גאלד־צעטאנצטן מצה־שטויב־רייבעכץ. פון יעדן ווינקעלע שמעקעדיק ארויסגעקוקט האט ער מיטן גרינס פון פרישן כריין, מיט מצה־קויבער פונם ווינקל, מיטן אנגעשטעלטן ווייך און מיטן פעסעלע מעד, וואס איז געשטאנען אין צווייטן ווינקל, אויסגעמישט מיט די ריחות, וואס האבן זיך געטראגן פרעגלענדיק פון קיך.

דער טאטע האט שוין זיין מצה־שמירה זעקל געהאט ליגן אין דער מאהא־גאני שרייב־שאנק און דאס שליסעלע האט ער געטראגן ביי זיך.

די אפעצינע אין דער פסח־וואך האט נאך דערמאנט אין זיידנס מלכות־דיקער צייט, — נאך ווען איך בין שוין א נאמען! — און די אכט טעג פסח האבן באוויזן, אז דאס אלץ וואס די מאמע דערציילט מיר אן — אין אירע גוטע שעהן און אין אירע בייזע שעהן — איז טאקע אמת ויציב.

ערב־פסח נאך צוועלף, די קיך איז אין איר גאנצן ברען. מ׳שאבט דעם קארפן, מ׳שיילט די קארטאפל, מ׳זייט דאס וואסער די עופות אפצוגיסן. די מאמע גייט צו צום פאס בארשט זען צי ער איז געראטן, גיט זיך אן עפן אויף די טיר און שאנצנבערגלס זון, וועלכער ארבעט אויף דער פרייסישער זייט און איז אהיימגעקומען אויף פאסכא, גיט א גיס אריין א וויאדרע וואסער און אנטלויפט מיט א ווילד געלעכטער — ביי אים איז עס געווען א שפיל, אבער ביי אונז איז די קיך חמצדיק געווארן.

אמת, ס׳איז נישט געווען קיין אונטערגעווארפענער ממזר — אבער א „ממזר־שטיק“! און נישט נאר פון דעם אלטן שאנצנבערגן, נאר די אלטע מיט אירע גוטע ריידעלעך האט אויך נישט געקאנט אויסהאלטן, וואס מיט פראזשען דארט אין דער קיך אזא זשידאווסקא פאסכא.

צי איז עס געשען אין זעלבן „שווארצן פרייטיק“, צי אין א צווייט יאר, וואס איז אויך פונקט אויסגעפאלן צוזאם מיט אונזער ערב־פסח, בכל אופן אין די יארן צווישן 1906־1903.

איז געגאנגען איינער פון די בעל־ביתישע קינדער, א זון פון א געוועלב־סוחר, וואס דאוונט ביי נחמיהן אין בית־המדרש — ער איז אהיימגעקומען פון א ווייטער שטאט אויף יום־טוב; ער שטודירט דארטן, צי לערנט ער דארטן א בעסער פאך; — איז ער געגאנגען ברענגען א יום־טובדיקן עמער וואסער פון דער זשיקע, שטייט א שגץ, אויך א בעל־ביתישער, מיט א פערד און וואגן אהיימצופירן א פעסל וואסער; און אינמיטן שעפן, שטאט אריינצוגיסן אין פעסל אריין, גיסט ער אפ דעם יידישן בחור פון אויבן ביז אראפ.

צי די צוויי בחורים האבן געהאט אן אלטן סכסוך צווישן זיך און דא האבן זיי אים געוואלט אויף טויט און לעבן אדורכפעכטן, צי דאס איז נאר



געווען אזא וויץ לשם „שמיגוס“, נאר דער יידישער בחור, קומענדיק פון דער גרויס־שטאט און זיך אנגעהערט, אדער גאר טאקע שוין אליין זיך אנגעהערט צו א „זעלבסט־אבראנע“, און ער האט שוין נישט מער געקענט איינגיין אויף אזא גראבן וויץ. אזוי צי אזוי, ער האט ארויסגעכאפט א „הענטשקע“ און דער־שטאכן דעם שקץ אויף טויט.

אזוי אדער אזוי, די „הענטשקע“ האט דא געשפילט א גרויסע ראלע: אין ערשטן פאל האט זי געמאכט פון דעם מארד אן אויסגערעכנטן, א צוגע־גרייטן; אין צווייטן פאל שמעקט שוין מיט „בוזשניצע“, מיט קהל.

ס׳איז זיך לייכט פארצושטעלן וואס ס׳האט זיך אין שטעטל געטון. אלע געוועלבער זיינען געווארן פארהאקט. די משפחה איז אנטלאפן דעם זעלבן טאג. זייער געוועלב, די וואוינונג, איז אין איינע פאר שעה געווארן צעבראכן און צערויבט.

דער מארק איז געווען ליידיק, ווי אויסגעקערט. אין מאנכע גריבלעך, וואו מיר קינדער האבן געשפילט „ביטש“, זיינען די ניס געבליבן ליגן. דער פעטער חיימל האט זיך אויסגעטון דאס ערב יום־טובדיקע בגד, זיך אנגעטון דאס סטראזשינאווע היטל, דעם מונדיר מיט די גולקעס, דאס פייפערל געהאלטן אין דער האנט און זיך געדרייט ארויף און אראפ אין ליידיקן מארק.

ס׳איז געווען תשעה־באב מ׳האט געקוקט פון די לעכער. מיר קינדער האבן פארשטאנען, אז ס׳איז געשען עפעס א שרעקלעכע זאך.

דער טויטער שגץ איז געלעגן ביי דער זשיקע! אלע האבן ממש געזען ס׳פלאץ, וואו ער ליגט אויסגעצויגן מיט די פיס צו דער זשיקע און די „הענט־שקע“ ביי דער זייט. מ׳האט זיך מורא געהאט א ריר צו טון, און מער פון אלעם האט געשראקן — די „הענטשקע“!

דער נאטשאלניק איז געקומען פון בענדין, זשאנדארן, דער פאוויאטאווער דאקטאר וועט קומען מארגן „פאלמעסן“ — דאס איז געווען דאס ערגסטע דאס ווארט פאלמעסן, נאך ערגער ווי די „הענטשקע“.

מ׳האט דעם שגץ „געפאלמעסט“ ביים פעטער חיימל אין טויער. דאס איז געווען זיין אויפטו! זאל ער קודם נישט זיין אין „זייערע הענט“, זאל אים דער פראבאשטש נאר נישט אויסשטעלן אין קאשטשיאל פאר אלעמענס אויגן.

נאטשאלסטווע איז איינגעשטאנען ביים פעטער, און אויפן טיש איז געש־טאנען פון אלדאס גוטס. מ׳האט „געסמאזשעט“ באבעלעך, געפרעגלט כרעמ־זלעך און געשניטן גאנצע צונגען מיטן געראשעכטס. דער פסחדיקער ווייין, מעד און שליוואוויץ האט זיי פארגאסן דעם האלז.

צום סדר איז דער פעטער חיימל מיט די קינדער געקומען צו אונז, מ׳איז געזעסן מיט הארכנדיקע אויערן. מיר איז נאר געלעגן אין קאפ „פאלמעסן“ פארגעסן צומאל צוגנבענען דעם אפיקומן. כ׳האב מיט בערן, דעם פעטער חיימלס, אפגעשמועסט וויאזוי מיר זאלן קאנען זען צוזאמען... די טיר ביי שפוך חמתך האט געעפנט דער פעטער חיימל.

אייגנטלעך איז „דאס טויער“ געווען א שאפע אין דער זייט פון געוועלב,

וואס זיינע טויערן זיינען ארויסגעגאנגען אין מארק אריין. און אז די וועגענער מיט סחורה זיינען געקומען שפעט, זיינען זיי דארט אריינגעפארן. מ'האט אויף די טויערן אויפגעהאנגען שלעסער און די וועגענער ערשט צומארגנס אויסגעפאקט. די שאפע האב איך געקענט ווי מיינע צען פינגער — דארטן האבן מיר געשפילט באהעלטערלעך מיט די מיידלעך. מ'איז אויף דער לייטער ארויפגעקראכן און מ'איז געווען אויפן בוידעם, וואס האט זיך געצויגן ווי א פינסטערער וואלד איבערן גאנצן הויז.

אויפן בוידעם, אז מ'איז געגאנגען מיטן „פאראדנעם" איינגאנג, האט געוואוינט אין איין גרויסער שטוב „פאן מיכאלסקי", אן אפגעקומענער אביוואטעל, וואס האט זיך געהאלטן פאר א ווינקל־אדוואקאט. דאס הויז האט ער געהאט פארקויפט דעם פעטער חיימל. וואס ער האט זיך געלאזט פון זיין גאנצער ירושה איז געווען א בריטשקעלע מיט א פערד, אנגעטון מעשה פריץ, איז יעדן טאג אוועקגעפארן און אויב ער איז נישט צוריקגעקומען א שכורער, איז ער צוריקגעקומען דעם צווייטן טאג — אן אנגעכמורעטער. אריינגעפאלן אין שטוב אויפן בוידעם און געמאכט א חורבן.

די פאני מיכאלסקי, אן איידעלע, איז אראפגעקומען א צעשלאגענע איינגעהילט אין טיכל און אויסגערעדט זיך דאס הארץ; די ערשטע יארן פאר דער מומע אסתר רייזל אין סאלע, שפעטער אין קיך פאר דער דינסטמויד.

זי, די פאני מיכאלסקי, א צארטע, א קרענקלעכע, איז אזוי אראפגעקומען, אז זי מיט איר נעבעכדיקן רחמנות פנים, איז געווארן דאס מעדיום פון איר מאן, דעם ווינקל־אדוואקאט, צו ציען רחמנות־געלט פון פעטער.

אבער נישט נאר דאס! איר שיינע טאכטער, וואס פלעגט זיך שפילן מיט אונז אויפן בוידעם, אין דער שאפע „שווארצן": איך בין געווען א אביעשטשיק, און ביים באזוכן ליב געהאט צו גלעטן איר גלאטן ווארעמען לייב, און זי האט אזוי געגלאנצט אויף מיר מיט אירע בלויע־גרינע אויגן. ווען זי איז גרעסער געווארן האט זי די מוטער „מפקיר" געווען — זי איז געווארן דער בליץ־אפלייטער פאר דעם סאדיסטיש־שכורן פארביטערטן מאן. די קנאה האט אים אויפגעפרעסן! דער „האלטעק" ווערט רייכער פון טאג צו טאג אין זיין מזלדיק הויז; און ער, פאן מיכאלסקי, דער ווינקל־אדוואקאט, געבליבן ביים צעבראכענעם בריטשקעלע . . . ער וועט שוין באלד בלייבן ביים בלויזן בייטשל!

מיט אט דער בייטש לויפט ער ארויף א צעכעסטער און פאלט אין דער שטוב אריין, דאס בריטשקעלע לאזט ער שטיין אומאויסגעשפאנט. ס'ווייב דערזעט אים און לויפט ארויס: „פאניע באזשע!" זי שליסט הינטער זיך צו די טיר, און ער כאפט זיך, א צעיוכעטער, צו דער טאכטער און שלאגט זי אויפן נאקעטן, בלויזן לייב, האלב טויט.

מיר הערן די געוואלטן מיט איינגעהאלטענע אטעמס, מיט א מין תאוהדיק רחמנות. איך שאר מיך צו און קוק אריין דורכן שליסל־לאך: אין גאנצן א נאקעטע שטייט זי די האנקא, ווי אויסגעטאקט־קיילעכדיק יעדעס שטיקל פון איר באזונדער. מיינע אויגן רייסן זיך אויף ווי פאר א ווילדן וואונדער. דער



רויטער, יונגער לייב א צעפאסמעטער: „טאטושיו, טאטושיו!" ביז ער פאלט מיט שוים אויף די ליפן אנידער אויף דער ערד, מיט דער בייטש אין דער האנט.

ווען זי איז שפעטער אדורכגעגאנגען די שאפע, וואו מיר האבן זיך געשפילט, האט זי אונז „נישט געזען". א שטאלצע איז זי פארבייגעגאנגען, איר בלאנדן קאפ הויך אויפגעהויבן — א דערוואקסענע „פאננע". מיר, מיט איינגעהאלטענע אטעמס, האבן איר רחמנותדיק נאכגעקוקט מיט אזא מאדנע מורא און דרך־ארץ.

אין די טעג איז פאן מיכאלסקי נישט אוועקגעפארן. ביינאכט האט ער אויף זיין בריטשקע געברענגט דעם טויטן שגץ. און צומארגנס א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט איז ער געווען דער בעל־הבית אין שטוב, געוואוסט די געסט צו טיטולירן מיטן „ווֹיסאקע בלאגאראדיע" און דעם פעטער כסדר געקלאפט אויף די פלייצעס: „האלטעק, האלטעק". און דער פעטער אים צוריק: „פאניע אדוואקאטשיע" . . .

זיי האבן שוין געפראוועט „א סדר" אין פעטערס שטוב יענע פאסכא־נאכט! פאן מיכאלסקי האט אראפגעברענגט זיין ווייב און זיין שיינע טאכטער. די מומע אסתר־רייזל איז געווען צופרידן, ווייל די פאני מיכאלסקי און די פאננא האנקא זענען געווען צוגעטון צו איר. זיי פלעגן אסך מאל ארויסהעלפן אין שטוב און געפילט דער מומעס רחמנות צו זיי.

אין דער פרי איז די שאפע געווען ריין צוגעקערט, דער סטראזשניק האט געברענגט צוויי „קאזשלעס" און ארויפגעלייגט ברעטער, ווי צו א קערמעס־טישל. דער סאלטיס האט געברענגט צו טראגן א צעראטע. זיי האבן דאס געלעגנדער צוגערוקט דירעקט צום אפענעם טויער, וואס איז געלעגן גאנץ אין דער זון. קיין אויפלויף איז אין מארק נישט געווען. דער וואויט איז געשטאנען אין זיין גאנצער פראכט, מיט זיין הירשנהארן שטעקן אין דער האנט. די צוויי, דער סטראזשניק מיטן סאלטיס, האבן דאס מת פון ערגעץ אין א ווינקל פון דער שאפע ארויסגעטראגן און ארויפגעלייגט אויפן געשטעל. בער איז אנטלאפן, איך בין געבליבן שטיין אין א באהעלטעניש און אלץ געזען —

דער נאטשאלניק אין גאנצן אין זילבער, די זשאנדארן אנגעלענט אויף די שווערדן זיינען געשטאנען ארום, דער דאקטאר האט מיט אזעלכע צוואנגען געצויגן פון אויפגעשניטענעם געלן בויך אזעלכע ווייסע, בלאסע קישקעס. כ'האב מורא באקומען. די שאבלעס האבן געגרוישט, און זיי האבן צווישן זיך גערעדט אויף זייער הויך־קנאקעדיקן לשון: „קאק, קאק, קאק".

כ'בין זיכער געפאלן אין חלשות פאר שרעק און פון איבלדיקייט! ווען כ'האב די אויגן געעפנט איז קיינער נישט געווען. דאס טויער פארמאכט. כ'בין אריינגעלאפן צום פעטער הינטן ארום, דורך דער קיך, עס זאל מיך קיינער נישט זען: כ'האב געוואוסט, אז בער וועט גארנישט דערציילן.

דער פאגזשעב איז געווען צומארגנס. דאס טויער איז געווען פארהאקט און פארריגלט. דאס „גייעס" איז געגאנגען שטיל. עס האט געצויגן „שעהן", עס האבן הינטן נאכגעריטן זשאנדארן און דראגונער.

מען האט דעם שבת נישט געדאוונט אויבן אין שטיבל. אלע פענסטער זיינען געווען אויסגעהאקט. מען האט אראפגענומען דאס ספר־תורה און געדאוונט אין דער באבעס שטוב. דער פעטער יודע־פייוול איז נאך איר ארויסגעקומען מיט דער קאלעס און זי גענומען קיין מילעוויץ.

מסתם האט מען שוין אין מילעוויץ געהערט פון דעם וואס איז געשען, און שמעיה האט מורא געהאט צו פארן, אדער מען האט אים נישט געוואלט אנפארטרויען, האט דער פעטער אליין אנגעטריבן די פערד, זיצנדיק אויפן קאזשיאל — ר'האט נישט גענומען די אפענע בריטשקע, כדי די באבע זאל זיין מער געשיצט.

ווען דער פעטער האט זיך געזעגנט און ווי זיין שטייגער מיט קוראזש, מיט געמאכטער פרייד צום שלעכטן געמיט, האט דער טאטע מיט א שמייכל אים געקלאפט אויף דער פלייצע: „איצט פארשטייסטו שוין דעם טייטש פון דער הגדה אני ולא אחר, אני ולא שליח?“

דאס לעבן האט זיך נישט נאר צוריקאיינגעשטעלט, נאר געגאנגען ווייטער און זיך פארגרעסערט. פון אונזער שטיבל זענען ארויס דריי־פיר גערער חסידים, אפאר בעלי־בתים פון בית־המדרש זענען צוגעקומען, אפאר פריש צוגעקומענע איינוואוינער זיינען צוגעשטאנען, און האבן געמאכט אויפן בערגל ביים נייעם ביר־סקלאדניק, ביי מענדל בארזשיקאווסקן, א גערער שטיבל.

מיר יינגלעך, וואס אונזער שפילן אין מארק, אין די גאסן, האט זיך איינגעצוימט, ווייל מיר האבן מורא געהאט פאר די שקצים, האבן צוגעקריגן נאך א שטיבל, וואו מען קאן זיך ארומהרגענען, שפרינגען איבער די טישן און ארום בעלעמער.

אונזער שטיבל איז געווען געפאקט, דאס גערער שטיבל — געפאקט און אין בית־המדרש צווישן די בעלי־בתים אויך פולער; די יינגען האבן אויפגעהערט שבת צו גיין קיין בענדין, זיי זענען געשטאנען מיט קליינע היטעלעך און נידעריקע דענקעס און מיט קליינע סידורלעך אין די הענט ביי דער טיר. און ביים אויסנעמען — אין רעדלעך אויפן הויף אונטן ביי דער מקווה טיר.

דער בעל־ביתישער עולם האט געפילט, אז זיי מוזן האבן עפעס א ראש, א מנהיג, א למדן, א שיינעם ייד, פאר וועמען זיי זאלן האבן דרך־ארץ. יעדן שבת איז געווען אנדערע מחלוקת, ס'איז ארויסגעקומען אפילו געשלעגן. אז מען האט ארייגעקוילערט א פעסל ביר צו מנחה, האט מען זיך פשוט אנגעשיכורט. אנשל בלעכאזש איז געלעגן שפעטער אין רינשטאק. ס'איז נישט געווען ס'פעסעלע ביר אין שטיבל, מיטן פלומפל וואו מען האט געזונגען „אל מסתתר“ ביז שפעט אין דער נאכט און שוין געבליבן פראווען מלווה מלכה.

יעדן צווייטן זונטאג איז געקומען דער גבאי פון בית־המדרש, יענער מיט געשווירענעם בערדל און „פיעראן“ האט אים באגלייט, און יעדעס מאל אן אנדערע דין־תורה. מען האט באשלאסן, אז מען מוז אויפנעמען א „נייעם“ מורה־הוראה און ער זאל דאווענען אין בית־המדרש.

אין שטיבל ביי אונז, — וואס די פענסטער גייען ארויס אין שמאלן געסל,



וואס פירט אריין אין „טומאה“ געסל, פון איין זייט — שאנצנבערג און אקייגנאיבער, הינטער דער לאנגער ציגל־מויער, א רייכער בעל־גוף, מיט טעכטער, וואס רייטן שוין פערד און זין, נישט־דערוואקסענע שליאכטשיצעס, — האט מען יעדן טאג אויסגעהאקט די שויבן. אין מיטן דאווענען פליט אריין א שטיין, און נישט איינמאל אויך געטראפן ווען אין קאפ אריין.

ביים אפלייגן טלית און תפילין האבן יידן גערעדט, אז די פרנסות פארערגערן זיך, די קוילן־גרעבער זעצן אפ „די ביכלעך“, ציען זיך אוועק און מען זעט זיי נישט. גערעדט פון די קינדער: נאר צרות האט מען פון זיי; קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות. אחדות־שמחדות, היינט א נייע מעשה — פאלעסטינע־פאלעסשמינע.

אין שטיבל האט מען געמאכט לאדנס צו די פענסטער! זייט „דעמאלט“, אז א שגץ איז פארבייגעגאנגען די „בוזשניצע“, האט ער א שטיין ארויפגעווארפן. בייטאג צום דאווענען האט מען געמוזט אנצינדן די בליץ־לאמפ, און די בחורים האבן געלערנט ביי חלבנע ליכטלעך.

דוד, דעם געלן ראובנס, דער מתמיד, וואס איז א גאנצן טאג געזעסן און געלערנט, האט זיך טאקע די אויגן ארויסגענומען, געזוכט מיט דער נאז אין דער גמרא און זי נאס געמאכט, ווייל ס'האט אים תמיד גערונען פון איר . . .

דער טאטע האט געגעבן אן עצה, מ'זאל בויערן לעכער אין די לאדנס: מילא, וועט עס זיין ווי אין כעלעם, אי ס'וועט זיין לאדנס אי ס'וועט זיין ליכטיק. האט ער אויף זיין אופן נאך הנאה געהאט פון זיין הלצהלע.

מיר קינדער האבן זיך געשפילט אויפן הויף, אין קעלער, אויסגעפונען דעם „פארכישופטן“ בוידעם, דעם איינגעפאלענעם ערשטן שטאק איבער אונזער וואוינונג, — דעם זיידנס אפגעשלאסענע דירה אונטער א דיקן שיכט 10 יאריקן שטויב אראפגעפאלענעם באלקן און קרישל פון ווענט, — וואו מיר האבן געפונען גאנצע אוצרות! אין דער ווייבער־שול, אויף דער אנדערער זייט הויז, וואו די פענסטער זענען ארויסגעגאנגען צום גראבן חזיר־שלעגער, וואס זיין פרוי איז געווען אזוי שיין ווי די וועלט און א גרויסער הונט איז איר שטיל און הכנעהדיק תמיד נאכגעגאנגען. זי האט נאר געדארפט געבן א געשריי: „ביסמארק!“ און א פאר רויטע, פארלאפענע אויגן האבן דיך אנגעקוקט אויף צו צערייסן. זיי, די שכנים, האבן דווקא געלעבט אין פריינטלעכע באציאונגען מיט אונז. אבער דאך א קיילער־יינג, מסתם, אדער זייער אייגענער בן־יחיד, האט זיך נישט געקאנט איינהאלטן אויך מקיים צו זיין די מצוה ארויפצווארפן א שטיין אויף דער בוזשניצע. האט מען אויך געמאכט לאדנס אין דער ווייבער־שול און באלד ארייגעבויערט לעכער.

איך מיט אברהמען האבן זיך זייער ליב געהאט צו שפילן אין דער ווייבער־שול. פון דער אנדערער שטוב ברומט דוד „דער מתמיד“, דא א טונקעלע שטילקייט, עס טאנצן די זון־שטראלן אויף די ווענט ווי גאלדענע רענדלעך. איך זיץ פארגאפט, מיט אן אפן מויל, און אברהם דערציילט מיר א מעשה פון גזלנים. אונטן שרייט די מאמע: „אברהם־נחום, אברהם־נחום“ און

מיר הערן נישט און מיר זעען נישט ביז פלוצלינג שפיר איך דער מאמעס פינגער אין מיין אפן מויל. איך קוק אויף איר און ווייס נאך אלץ נישט וואס, זי כאפט מיך, דעם „גרויסן יינג״, אין אירע ארעמס און טראגט מיך ארונטער און באגיסט מיך מיט פרייד און מיט טרערן.

אברהם גייט אונז נאך. עס שטייט שוין פאר אים א טעלער אויפן טיש און א קיך־בענקל צוגערוקט צו מיינעם. די מאמע ווייסט, אז אויב אברהם וועט נישט מיט אהיימגיין, וועל איך נישט עסן; וועט מען מיך מוזן „שטאפן״ מיטן לעפל, ווי אן אקארשט ענטוויינעך. אפט קאכט זי עקסטערע באבעלעך מיט קליסקעלעך ווייל ס׳איז אברהמס מאכל און איך האב׳ס דערפאר אויך ליב באקומען — — —

נאך די שווערע שנייען, נאך גרויסע פרעסט, ווי די ערשטע שוואלב וואס באוויזט זיך, איז ארויסגעקומען דער לאמער קאטארינקאזש. אויף א ברייטן, לעדערנעם פאסעק איז די קאטארינקע אים געהאנגען אויפן פוקל, ווי א לעבעדיק קינד, וואס מ׳טראגט עס אויפן רוקן. צוגעקומען פאר א ריי געוועלבער, האט ער זיך געגעבן אזא קונציקן דריי, איז זי געבליבן שטיין מיט א זייט אויפן האלצענעם פוס, און ער האט גענומען דרייען דאס הענטל.

די מאזורקעס, די וואלצן האבן געזאמלט די קינדער ארום אים. די שיקסלעך און די שקצימלעך האבן זיך געכאפט ביי די הענט און געהאצקעט און מיר, די פאר יידישע, זיינען נאכגעלאפן און זיך געפריידט; פון געוועלב צו געוועלב האט ער זיך גערוקט אויפן האלצענעם פוס צוזאם מיט דער קאטערינקע און מיר האבן אים געברענגט די קאפיקעס פון די געוועלבער.

אויף דער קאטערינקע זיינען געווען אויסגעמאלט אזעלכע פאנגעס, האלב נאקעטע, אין אזעלכע רוישיקע, רויטע פארבן. איך האב נישט געקענט די אויגן אראפנעמען פון די פנימער, איינס וואונדערלעכער פונם אנדערן — די קאטארינקע שפילט האצקעדיק און איך מיין, אז די פאנגעס טאנצן.

ווען ער איז געגאנגען אזוי הינקענדיק פון מארק אראפ, אויף דער פשעדמיעשטשע, וואו עס זיינען ווידער געווען א שורה יידישע געוועלבער און געטראגן די קאטארינקע אויף די פלייצעס, און מיר קינדער זיינען אים נאכגעלאפן, האבן די פאנינעס פון אונטער גלאנציקן גלאז מיך גארנישט אפגעלאזט. זיי האבן מיר, זיך שאקלענדיק, צוגעוואונקען און איך האב מיך גארנישט געקענט זאט אנקוקן.

ער האט גערעדט אויסגעמישטע ווערטער יידישע, פוילישע און אזעלכע פרעמדע און אלץ מיט אזא גראבן גויאישן קול. פארן פליישער־געוועלב האט ער גענומען שנעלער דרייען דאס הענטל. די פליישערקע מיטן רויטן, קיילעכדיקן פנים, וואס האט אויסגעזעען פונקט ווי ביי די פאנגעס, האט אים ארויסגעברענגט א שטיק קאלבאס. ער האט א ביס אריינגעגעבן, מיט א לאכנדיקן וואונק פון אונטערן שווארצן, צעשויבערטן קענזשער, וואס האט ארויסגעקוקט פון אונטערן צעקנאדערטן קאפעליוש, און מיר יידישע קינדער זיינען אנטלאפן. ער האט זיך אריינגעדרייט אין טומאה־געסל.



ער איז ארויסגעקומען אין די ערשטע זומער־וואכן נאך אייניקע מאל, נאר די בילדער אונטערן גלאנציקן גלאז זיינען אלעמאל געווען אנדערע. אין די ספירה־טעג און אין די דריי וואכן איז אויף מיר געווען גרויסע צרות: כ׳האב געהערט דרויסן שפילן די קאטארינקע און געוואלט ארויסלויפן. דער טאטע האט מיך צוריק־גערופן:

— וואויטעק, וואו לויפסטו? ס׳איז דאך פאר ל״ג בעומר!

די מאמע האט מיך גענומען אין שוץ:

— לאז דאך דאס קינד. וואס פייניקסטו אים!״

א טרויעריקער האב איך געווארט אויף ל״ג בעומר! דאס יאר איז אין טשעלאדזש קיין דרדקי־חדר נישט געווען. ביי אונז אויפן הויף האט מען פארראכטן דעם שינדל־דאך און אברהם האט געמייסטרעוועט א שינדל־ביקס. מיר האבן אזוי לאנג געצויגן אהין און אהער די שינדל ביז זי איז מיר אריין מיט א שפיץ אין דער נאז. אברהם איז אנטלאפן! מיינע שוועסטערלעך האבן געשריגן מיט באנומענע קולות, דערזעענדיק ווי דאס בלוט שורגעט. דער „קליינער פעלדשער״, וועלכן מיר קינדער האבן אזוי ליב געהאט — ער האט די גרעסטע ווייטאקן אונז געקענט אנטון און מיר האבן געשוויגן; אז דער דאקטאר האט נאר געהייסן ארויסשטעקן די צונג, האבן מיר שוין געשריגן, — איז געקומען און מיר צוגענייט די נאז.

אברהם האט זיך די גאנצע וואך נישט געוויזן! ווען מיר זיינען געפארן אין שפיטאל ארייך ארויסציען די פעדעם, האבן מיר געמוזט פארבייפארן פאר אברהמען; און ווען דאס „קליינע פעלדשערל״ האט מיר געגעבן א טשאקאלאדע נאכן ארויסציען די פעדעם, האב איך אברהמען געגעבן א האלבע. דאס „קליינע פעלדשערל״, דאס קליין־געוואקסענע גויעלע, אין ווייסן כאלאט און גאלדענע ברילן, האט אונז ביידע, די צוויי חברים, אנגעקוקט מיט ליבשאפט.

נאך איצט זע איך ווי ער קוקט איבער די ברילן און שפיר אין מיין חוש־הריח־לאזע נאז דעם קארבאל־ריח. יא, דער צייכן איז קוים מערקבאר, דריי קליינע שטיכעלעך; אבער דער נאז־ביין אין געלעכערט אדורך און אדורך. איך ברויך נאר א ריר־אן צו געבן אויבן די נאז און איך דערמאן מיך די גרויסע מענטשן־פריינטלעכקייט פון דעם קליינעם דאקטארל און מיין ליבשאפט צו אברהמען. וואס האט נאך, מסתם, איבערגעלאזן גאנץ אנדערע באהאלטענע, טיפערע וואונדן...

אין א גרינעם דאנערשטאג, ווען ס׳גייעס האט זיך געגרייט דעם מארק מיט גרינס אויסצוצירן, פאר אלע גויאישע פענסטער אזעלכע בודקעס אויפגעשטעלט מיט גרויסע בלומען־בוקעטן, מיט וואקסענע ליכט און הייליקע בילדער, האט גאנץ פרי דער קאטארינקאזש אנגעהאצקעט. די גלאנציקע־רויטע פאנגעס, מיט די קיילעכדיקע פנימער, אויף זיין קאטארינקע האבן געהאט אזאלכע גרין־בלויע שפיציקע פליגל, ווי מלאכים האבן זיי אויסגעזעען.

דאס מאל האט די מאמע אליין שוין מיך געשלעפט אין שטוב אריין:

— דער גלח וועט באלד ארומגיין שווענצלען!... כ׳האב צרות פון

דיר... צו מיר לאזט דער טאטע אויס...

פארנאכט האט מען אים, דעם קאטערינאזש, געברענגט צו אברהם־יידעלען א צעהרגעטן, — יא „אלץ" האט מען געברענגט צו אברהם־יידלען. זיין ווערקשטאט איז געווען דער הקדש פון טשעלאזש. מ׳האט שוין געוואוסט, אברהם־יידעלע דער ל„וניק! — די קאטארינקע האט נאך געשפילט, נאר די גלאנציקע שויב מיט די מלאכים צעבראכן אויף פיץ־פיצלעך. ער האט גערעדט יידיש, אבער אזא מאדנעם, מיט בלויז קמצן, קוים מ׳האט אים פארשטאנען.

אינ־זומער זיינען אנגעקומען קונצן־מאכערס. אויסגעשפרייט א ראגזשע אינמיטן מארק, איינער האט אראפגעווארפן ס׳רעקל פון זיך און געבליבן שטיין אין אזא רויזע העמדל און הייזלעך אין גאנצן ווי א נאקעטער, זיך געבראכן, געשטאנען אויפן קאפ, געגאנגען אויף די הענט. איך בין געשטאנען אן אטעם. א צווייטער האט געגעסן גלאז, געשפיגן פייער, געשלונגען מעסערס. עס איז געווען די זעלבע קאטארינקע, נאר זי איז געשטאנען אויף צוויי הילצערנע פיסלעך, אן פאננעס, נאר מיט א דראטן קעסטעלע, ווייסע מייזלעך ארומגעלאפן דרינען. איינמאל האט דער קונצנמאכער געדרייט דאס הענטל, איינמאל דער „פייער־שפייער". דער קאטארינקאזש האט ארומגעהאצקעט צווישן עולם, אין איין האנט דעם צעדרייטן קאפעלאטש, וואו מ׳האט געווארפן קאפיקעס, אין דער צווייטער האנט דאס קעסטעלע מיט די ווייסע מייזלעך. אנרירן אזא ווייס מייזל האט געקאסט אן עקסטרע קאפיקע. איך האב אנגערירט אזא מייזל. עס איז געווען ווארעם אזוי סאמעטן־ציטערדיק, ס׳איז אזש קאלט געווארן...

איינמאל איז געקומען א בערן־טרייבער. גאנץ טשעלאדזש איז זיך צונויפגעלאפן. די מאמע האט מיך אויפגעהויבן, איך האב געזעען דעם בער טאנצן:

— דאס איז דער בערן־טרייבער? — האב איך דערשראקן אויסגעשריגן, און אין קאפ האט זיך מיר אנגעהויבן צו שפינען די לעבעדיקע מעשה — — זי האט זיך געצויגן יארן און יארן. זי האט מיך ממש צעדרייט. ווי נאר כ׳בין געבליבן אליין אדער אינמיטן לערנען אין חדר, כ׳האב געטראכט און געטראכט, געשפונען און געשפונען. נאך היינט — דאכט זיך מיר טיילמאל! — הערט זי נישט אויף.

אויפגעכאפט די ערשטע שטיקלעך, האב איך מסתמא אין דער שאפע, אויפן בוידעם, אין חדר, ביי מענדל גרויצער אין ביר־קעלער: די בערן־טרייבערין האט געהאט א קינד, איז עס געווען א קליין בערעלע, אין גאנצן מיט האר באוואקסן, מיט א שנויץ... געהאלטן עס האט דאס מילך־פלעשל פונקט ווי א קינד... עס האט געהאפסלט, געשפרונגען, עס האט געטאנצט, געטאנצט... די בערן־טרייבערין האט געהאלטן אין איין וויינען... דער בערן־טרייבער האט עס שוין געוואלט אין זשיקע ארייננווארפן און דער־טאפיען! איינמאל איז געקומען א קליין באבקעלע, א גרויסע, לייוונטענע טארבע האט געהאנגען אויף איר הארן האלדז, דין ווי א שפענדעלע, זי האט זיך געשטעלט פאר דער טיר און געזאגט:

— „קאזשדי סאביע, קאזשדי סאביע"... נעם ארייין אלע נאכט דאס



קליינע בערעלע צו דיר אין בעט אריין, טוליע עס צו דיר, דריק עס ווארעם צו דיין גלאטיקן לייב, און דו וועסט זעען אין א יאר, פונקט צום יאר, וועט עס ווערן א מענטש...

אלע נאכט האט זיך געטון חושך! דער בערן־טרייבער האט געקלונגען מיט די קייטן, געשלאגן זי מיטן סוקאווע שטעקן... זי איז געלעגן איבערן בערעלע מיט איר ווארעמען לייב. זי האט געשוויגן. דאס בערעלע האט אפיר געקוקט מיט איין אייגעלע און האט געשוויגן. דער בערן־טרייבער האט פארהאקט די טיר און איז אנטלאפן! אבער די מאמע האט דאס קליינע בערעלע ארייינגענומען צו זיך אין בעט, עס געווארעמט מיט איר גלאטיקן לייב, עס געקושט מיט אירע גליאיקע ליפן, עס געגלעט, געקיצלט אונטערן געמבעלע, געקיצלט אונטערן בייכל... דאס מעשהלע האט זיך געשפונען און אלץ גרעסער געווארן. אלע מאל קומען צו נייע שטיקלעך... אזוי ביז היינט צו טאג.

אין יענעם אויפדערנאכט איז געזעסן ביי אונז אין גאס, אנגעלענט אין רויטער־ציגל־מויער פון אקייגנאיבער, א טונקעלער גוי, שווארץ־באוואקסן, א דארער, א מאלפעלע אויף א דין קייטל איז געקראכן אים אונטערן העמד, אויפן האלדז־נאקן, אויפן קודלע־קאפ. ער האט דאס קלוג־קוקנדיקע מאלפעלע געלויזט און געגעסן די לייז, מ׳האט געהערט ווי זיי קנאנק צווישן די ציין...

ביינאכט האב איך געוויינט, און די מאמע האט מיך געמוזט ארייננעמען צו זיך אין בעט אריין. דער טאטע האט מתחילת געשריגן, ער איז געווען בייז:

— שעמסט דיך נישט? אזא גרויסער יינג, שוין באלד א חומש־בחור... מ׳וועט רופן דעם בערן־טרייבער.

איך האב מיך נאך העכער צעשריגן. די מאמע האט דעם טאטן ליבלעך אנגעקוקט און זי האט מיך געלייגט אין איר בעט אריין.

די מאמע האט מיך זייער ליב געהאט: איך בין געווען „איר קינד". זי האט מיך געטראגן ווען דער זיידע איז געשטארבן, און האלבן נאמען האב איך נאך אים. ווי האב איך מיך געטוליעט צו איר גלאטיקן, גוטן לייב און ווי האט זי מיך ווארעם צו זיך צוגעדריקט. כ׳האב אנגעהויבן שטיל צו וויינען: כ׳האב מורא געהאט כ׳וועל איינשלאפן און כ׳וועל מער נישט אויפשטיין...

אין די נעכט, ווען די מאמע האט מיך נישט ארייינגענומען צו זיך, האב איך געחלומט פונם בערן־טרייבער און ווייטער געשפונען אין שלאף דאס מעשהלע... ווען דער בערן־טרייבער האט אנגעהויבן אנצונעמען שטריכן פון מיין טאטנס פנים, האב איך אויפגעשריגן מיט ווילד געוויין אינמיטן חלום.

די מאמע איז צו מיר ארייינגעלאפן, מיר געברענגט באמבעלעך, אזעלכע גלאטע „אטלאסענע קישעלעך", געפילטע, „קליין חיים׳לעס"... וואס איך האב זייער ליב געהאט. זי האט זיי שוין געהאלטן אונטער איר קישן אנגעגרייט... עס האט גארנישט געהאלפן, זי האט מיך געמוזט ארייננעמען צו זיך אין בעט אריין.

די זאך האט שוין אנגענומען שארפערע פארמען! מ׳האט גערופן פון שפי־

טאל דעם „קליינעם פעלדשער". מתחילה האב איך מיך מיט אים געפריידט, ער האט ממש ווי געהערט צו דער משפחה.

די מאמע האט אים אלץ דערציילט אויף פויליש, דער טאטע איז געשטאנען דערביי, ווי ער וואלט זיך אויף איר נישט געקענט גאנץ פארלאזן.

„דאס קליינע פעלדשערל" האט געקוקט אויף מיר מיט זיינע מענטשלעכע, גוטע אויגן דורך די גאלדענע ברילן, גערעדט צו מיר אויף יידיש און מיר געגראזשעט מיטן פינגער. איך האב מיך פארשעמט, אראפגעלאזט די אויגן און מיך צעוויינט ווי א קליין קינד... עס האט געהאלפן.

טשעלאדזש האט אנגעהויבן צו ווערן א יידישער מקום. פון אונטערן בארג, פון „די זשימנע דופע" האבן אנגעהויבן צו קומען די אורחי־פרחי, וואס האבן „באארבעט" גאנץ זאגלעמביע. אונטערן בארג, אונטערן אלטן בענדינער בית־החיים, טאקע דארטן וואו דעם עלטער־זיידנס אוהל איז געשטאנען, האבן זיי געהאט זייער רעזידענץ: קאליקעס, בלינדע, לאמע, פארכעס, עגונות און גלאט פארווארלאזטע און אויסגעלאסענע, גנבים, קאטערינטשאזשעס און געמאכטע קאליקעס, פארפלייצט מיט האלב־נאקעטע קינדער, מיט שמוציקע צימפלען פון פארנט און פון הינטן. אויפן זיידנס יארצייט האב איך זיי געזען זיצן פארן אוהל מיט אויסגעשטרעקטע הענט און צעלייגט איבערן גאנצן בארג, א בענטשנדיקע־שעלטנדיקע מחנה. הינטערן בארג האבן זיי געהאט זייערע געצעלטן.

„מה טובו אוהליך יעקב", האט דער טאטע אמאל געמאכט א הלצה, גייענדיק פון זיידנס אוהל: די געצעלטן האט, מסתם, געמיינט בלעם הרשע...

אין אט־א די כאפטע האט אנגעהויבן ארויסצוקומען זייט טשעלאדזש האט גענומען וואקסן, און מיטוואך איז געווען זייער טאג. און זיי זיינען געגאנגען א גאנצן טאג, דער מקום איז געווען גרויס, צעשפרייט אויף גאנצע קילאמעטערס אין אלע פיר זייטן.

— „גוט מארגן 10", „גוט מארגן 8", „גוט מארגן 15", — אזוי האבן זיי זיך א שיט אריין געגעבן און איינער, דער מאן פון דער משפחה, דער ראש פון געזעמל, האט ארויסגעשטרעקט א פעטע האנט און גענומען פאר אלע.

— ווייז זיי — האט ער באפעלעריש א געשריי געגעבן, ווען א געוועלבניק האט נישט געגעבן דעם מכס לויט די קעפ, און פון א פארוויקלט טוך האט זיך א יידענע א וויקל ארויס געגעבן מיט א צעדרייט פנים, מיט א פארקריפלט הענטל. יעדע חברה האט שוין געהאט אירס א בלינדן, א קינד מיט א וואסער־קאפ, א קרים הענטל, א פארך איבער די אויגן...

ס׳פלעגן אויך קומען בכבודיקע ארעמעלייט פון ווייטע שטעט און מדינות. די פלעגן שוין בלייבן איבער נאכט און שלאפן ביי אברהם־יידעלען.

„דער לויפער" האט שוין געהאט זיין שבת אין יאר ווען ער לויפט איבער טשעלאדזש. פאר א גראשן האט ער אויסגערעכנט אלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. עס איז געגאנגען ווי א מזמור, און מיט א ניגון. „דער בלינדער פישל" איז געקומען ווינטער, ארום חנוכה, ווען מ׳האט ס׳שמאלץ



אויסגעלאזט. ער האט ליב געהאט גריוון — מעדנים! ער האט דערקענט יעדן איינעם אינם קול, און מקבל־שבת געווען מיט א לייבן־שטימע — זיי זיינען שוין נישט געווען אין גדר פון בעטלער, זיי זיינען געווען מקבלים מיט אן אטראקציע! איינמאל האט זיך באוויזן א יידל פון פערסיע, א שווארצס, א קליינס, א פלינקס, וואס רעדט נאר לשון־קודש.

ס׳זיינען געקומען „פאקנטרעגערס" מיט מעשה־ביכלעך, מיט סידורלעך, מחברים זאמלען פרענומעראנטן. איינמאל איז ארויס א שמועה, אז דער „חפץ חיים" קומט און וועט איינשטיין ביי יצחק ברין דעם גבאי פון גערער שטיבל. געקומען איז אבער דער איידעם און יצחק בריל איז מיט אים ארומגעגאנגען אין חסידיש, בעל־ביתישע שטיבער זאמלען פרענומעראנטן אויפן „משנה ברורה", פראסטע יידן האבן געקויפט זיינע יידישע ספרימלעך.

אז א מגיד, א בעל־דרשער, האט גערעדט אין אונזער שטיבל און געמאכט דעם געהעריקן איינדרוק, איז ער שוין געבליבן שלאפן ביי אברהם־יידלען, גערעדט אין וואלבערנעם שטיבל און שבת געהאלטן א דרשה אין בית־מדרש.

דער „לאמער מגיד", א הויכער, א ברייטער, ווען ער האט זיך געשטעלט אויף די צוויי קוליעס האט ער אויסגעזעען, אז ער וועט מיט זיין לייבן־קאפ דעם סופיט אדורכברעכן. ער איז געבליבן אין טשעלאדזש צוויי וואכן, גערעדט אלע נאכט אין שטיבל, געשלאפן אין שטיבל און מיר קינדער האבן אים געברענגט צו טראגן פון אלדאס גוטס. אז ער האט ביינאכט גענומען ריידן, האט ער מיט זיין קול, מיט זיין ניגון, דאס הארץ צענומען. זיינע משלים זיינען וווּנדערלעך. א גאנצן טאג האב איך געווארט אויף זיין ריידן. ווען ער איז אוועקגעפארן, האב איך נאכט נאך נאכט געחלומט פון אים. איך האב געטראכט, ווען איך וועל גרויס ווערן וועל איך זיין א מגיד, און ווען אפילו איך זאל מוזן גיין אויף קוליעס...

די אסיפות האבן נישט אויפגעהערט! ס׳איז געווארן א מנהג אסיפות וועגן א שוויץ־באד, א נייעם מורה־הוראה. איינמאל איז געווען אן אסיפה איבער „אנפערטיק־געלט": ווי נאר זיי קומען פון בענדין, זאל מען יעדן ארעמאן געבן א גילדן און פערטיק. מענדל גרויצער, אדער וועלוול זשארנאווצער, וואס וואוינען אויפן בענדינער וועג, זאלן עס איבערנעמען. טשעלאדזש איז נישט א שטעטל ווי אנדערע יידישע שטעטלעך, ס׳איז א גויאיש מקום און יידן וואוינען צעווארפן. ס׳גייעס קוקן... זיי שטערן אויך ס׳לייזעכץ... זיי שטופן זיך אן אין די געוועלבער, זיי גנבענען אויך...

דער טאטע איז געווען דאגעגן:

—איך וויל, אז מיין יינגל זאל זען, אז מ׳לאזט א ייד איבער דער שוועל. ס׳איז אויך נישט נאר דער גראשן, אן ארעמאן קריגט דא אמאל א טעלער זופ, דארט אן אלט העמד. א גוט ווארט האט אן ארעמער מענטש אויך נויטיק.

דער משוגענער מרדכי, — מיר קינדער האבן זיך דערציילט, אז דער קאפ זיינער האט זיך אים איבערגעדרייט פון צופיל לערנען, — שעהן איז ער געזעסן אויף דער באנק פאר דער קאזע, די צוגעפלאטשטע מאטשעיאווקע

מיטן שפיציקן דעכל טיף איבער די בליציק־צעלאפענע, שווארצע אויגן. זיי לויפן, פלוצלינג שטעלן זיי זיך אפ און זיי זיינען פינסטער, אויסגעלאשן, טויט, ווי ביי אן אפגעשטאנענעם פיש, אין זיין שווארץ־אויסגעדארט קנאכיק־שפיציק פנים. קיין ענדערונג, קיין מינדעסטע שנוי. ער זיצט ווי ר'איז געזעסן, איינגעבויגן, איינגעקורטשעט, ווי פארשטיינערט, — א שטיינערנער געץ, וואס טראגט דעם גאנצן אלטן בנין, די קאזע אויף זיין רוקן, — דער פאלטן נישט צוגעקנעפלט, ענגאיינגעוויקלט אין אים זיצט ער, אז די נעטן דאכט זיך וועלן פלאצן. די הענט געקרייצט איבער דער איינגעפאלענער ברוסט, אזוי, אז די קנאכיקדארע פינגער מיט די שווארצע, לאנגע נעגל קומען אים אויס אויף די שמאל־געבויגענע אקסלען. זיי זיינען אזוי שווארץ, אז זיי קוקן אויף אונז ווי צען אויגן.

מיר קינדער טון אים גארנישט, שרייען נישט נאך, ווארפן נישט קיין שטיינער, ווי מיר טון ווען מיר יאגן זיך נאך דער משוגענער אין שטעטל. מיר שטייען אין האלב קרייז ארום אים און קוקן; מיר זעען בפירוש אז דער מוח זיינער האט זיך אים איבערגעדרייט, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער עילוי אין בענדינער בית־מדרש: נישט בחינם איז דאס היטעלע אזוי צוגעפלאטשט, ווי ס'וואלט געווען צוגעקלעפט; ער האט, מסתם, מורא, אז די געהירן וועלן אים אויסרינען.

פלוצלינג גיט ער זיך ראפטים א כאפ אויף און ער גייט, אין א פאר מאדנע־הויכע קאמאשן, דירעקט צו, — אין זעלבן צושטאנד אזוי ווי ר'איז געזעסן, — צו אונזער געוועלב. מיר לויפן אים נאך, מיר לויפן אים פאראויס, ווייל מיר ווייסן שוין וואו ער גייט. ווי מאדנע ער גייט אזוי א געקורטשעט־געבויגענער, א שטייף־געוויקלטער, און דאס שפיציקע דעכל פון פעסט־צוגעפלאטשטן היטל פונקט אזוי משוגע־פארשפיצט ווי דאס שפיציקע בערדל.

ער קומט אריין אין גרויס־רחבותדיקן געוועלב, ארום און ארום מיט טאשעוואניעס, און גייט דירעקט ארונטער אונטער דער טאשעוואניע, וואו די מאמע שטייט:

— האלטקאווע, א שטיקל שווייצער קעז.

די מאמע שניידט אים אפ א שפאר שטיק קעז. ער נעמט אראפ איין האנט פונם אקסל. די פינף געשפיצטע פינגער, כאפנדיק דאס שטיק קעז, זעען אויס ווי א שווארצער קאפ פון א קאטשקע, וואס וויל א כאפ טון. אין איין רגע און דאס שטיק קעז איז פארשלונגען.

ער גייט אריין צום טאטן דורך דער גלעזערנער טיר:

— בערישל, א ציגאר, א ציגאר.

דער טאטע האלט שוין גרייט די ציגאר אים צו דערלאנגען.

די ציגאר, באשמעקט ער, יא ס'איז די זעלבע ציגאר, וואס האלטעק נאך פלעגט אים געבן. ער בייסט אפ דעם שפיץ, ער באהאנדלט זי מיט אלע מאניערן, ווי א פיין־שמעקער באהאנדלט א האוואנא־ציגאר. דער טאטע רייבט אפ א שוועבעלע און גיט אים פייער. ער גיט א פאר צי און פארנייגט זיך.



אין ליכט פונם אנגעצונדענעם שוועבעלע, אין אויפצי פונם ברענענדיקן ציגאר איז זיין שווארץ־בליציקער בליק אזוי מענטשלעך צעשטראלט.

דרויסן האבן אים די קינדער שוין אנגעווארט און אים באגלייט, — יא, באגלייט, נישט נאכגעלאפן! — ביז אויפן בענדינער וועג. ער איז זיך געגאנגען רואיק, געמיטלעך־פארטראכט, נאכקוקנדיק די רינגעלעך רויך, וואס זיינען אזוי רעגלמעסיק, נאך יעדן צי געקומען פון זיין מויל.

די איינע האנט אויפן אקסל האט איצט אויך אנדערש אויסגעזען. זי איז זיך געלעגן רואיק, נישט פארקראמפט. ער האט זיך פשוט געהאלטן, דער פאלטן, אן קנעפלעך זאל זיך נישט א מאך אויף געבן און מען זאל זעען, אז ער איז ממש אינגאנצן א נאקעטער.

ער איז ארויסגעקומען יעדן דאנערשטאג ווי גאט האט געגעבן די וואך.

יעדן ערב ראש־חודש פלעגט ארויסקומען א גרטע, עפעס אזא ברייטע, אן אנגעפעלצטע, אין אזעלכע שרייעריש־פארביקע קליידער, און גערעדט אזוי הויך און גרילציק. זי האט גערעדט יידיש נישט ווי א גוי, נאר ווי א דארף־פויער, ווען ער דינגט זיך. אין דער האנט האט זי געהאלטן סידורים און תחינות, עס האבן נאר געפעלט די שווארצע קרעלן זי זאל אויסזעען ווי א ריכטיקע, שוועוערער פויערטע, וואס איז געקומען אויף א שוויענטע אין קאשטשיאל אריין. איך האב זי שוין אפגעווארט און מיך געדרייט ארום איר, ווי א הינטל: עס האט געשמעקט פון איר מיט בשמים־נעגעלעך און מיט טוכלעקייט.

ווינטער און זומער איז ארויסגעקומען א ייד מיט צוויי קויבערס: אין איינעם האט ער געהאט רבקה חוה גליקס קיכעלעך און בייגל, אין צווייטן פרישע געוועגזלטע הערינג.

רבקה חוה גליקס קיכעלעך, גלאטע, גלאנציק־געפלאצטע, ווי איבערגעצויגן מיט אן איידעלער הויט; דער באטעמטער געשמאק, דער קרוכלער, שמעקעדיקער גערוך, עפעס אזוינס גארנישט דערצו צו פארגלייכן, אחוץ שפעטער, ווען כ'האב שוין געלערנט אין סאסנאווצע, פאלטשעס „שפליטער געבעקס"

דעם ייד האב איך ליב געהאט נישט נאר ווייל ער האט ארויסגעברענגט די־א מעדנים־קיכלעך, נאר ווייל ר'איז געווען אזא מין ייד, א לאכעדיקער, א צוגעלאזענער, די צוויי פאלעס פונם כאלאטל אינם פאסעק:

— נעם, נעם, אברהם־נחום, ס'איז גוט — באטעמט. — ער איז געווען אליין אזא באטעמט־גוטער ייד.

זומער האט ער אין צווייטן קאשיק געהאט גרויסע, רויטע קארשן; שווארצע מיט גרינע שטרענגלעך; צוויי און דריי און אפילו פיר צוזאם אויף איין שטרענגל. ער האט זיי מיר אנגעטון אויף די אויערן, ווי אויערינגלעך. סוף־זומער האט ער געהאט אין צווייטן וויינטרויבן. איך געדענק נאך ווי די מאמע האט מיך גערופן: דער ייד מיט די בוקעס גייט!

איך האב דעמאלט נאך געמוזט זיין גאר א קינד, ווייל איך האב וויינטרויבן גערופן „בוקעס".

און אפשר געדענק איך עס, ווייל מ'האט דעם ייד גערופן „דער ייד מיט

די בוקעס״ שוין דערנאָך אפילו ווען איך בין שוין גרויס געווען.

דער טאַטע האָט אויך געהאַט זײַנע געסט. יעדן חודש איז אַרויסגעקומען „דער בלינדער חזקאל״. דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייטער ייד מיט אַ געשטעל, מיט אַ ראַזמאַך, מיט קוראַזש, בלינד אויף איין אויג. ער האָט אַרויסגעבערענגט יעדן חודש אַ „פּערטעלע״ — אַ לאָטעריע־צעטל.

דער בלינדער חזקאל איז געווען אַ בעגדינער, דער ראַדאָמסקער מגנן, דער מחבר פון די באַרימטע „אקדמותן״ אַלע יאָר. אנשי־שלומינו פלעגן קויפן בײַ אים צעטלען. אין טשעלאַדזש האָט ער אויך געהאַט אַ פיר־פינף קונים. צום לעצט איז ער אַרײַנגעקומען צום טאַטן. ווען ער איז אַרײַן מיט זײַן ברייטן ראַזמאַך, האָט דער טאַטע צוגעמאַכט די גמרא און אים אָקייגנגעגאַנגען:

— „חזקאלך! ס׳איז געוואָרן יומא־דפגרא. דער טאַטע, אַ דערפרייטער, האָט אַרויסגעשיקט נאָך אַ מאַנאַפּאָלקעלע און די מאַמע האָט אַרײַנגעבערענגט אַ טעלער מיט געל־ברוינע, הויך־אויפגעבלאָזענע אייער־קיכלעך, גאָלד־צעג־לאַנצטע פון שאַרף־פאַרבאַקענעם צוקער. מיט די צוגעברוינטע, דיקע ראַנדן, האָבן זיי אויסגעזעען ווי יום־כפורדיקע, שפּאַניע־באַנייטע קאַפּלעך.

„שעהן״ זײַנען זיי געזעסן און געשמועסט. ווען דער בליגדער חזקאל האָט גערעדט, האָבן עכאָס געהאַגלט אין דער שטוב. דאָס זילבער־שייבן־שענקל האָט געקלונגען, די אַקוסטיק האָט זיך געקוילערט ביז צום סופית. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען בײַם טיש. דער טאַטע האָט אים אַלץ צוגעגאָסן אין זײַן גלעזל אַרײַן. די שטוב האָט געזונגען פון זײַן קול;

איך האָב מיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן, נישט פאַרשטאַנען קיין סך. ווען ער האָט אויפגעלאַכט, — ער פלעגט אין מיטן רייִדן אָפּט אויפלאַכן! — האָט דאָס בלינדע אויג צו מיר ווילעריש געוואונקען: פאַרשטייסט, בחורל?

נאָך איינער פלעגט אַרויסקומען פון בענדין און עקסטרע צום טאַטן. — דאָס איז געווען מײַן טאַטנס חבר, אַ קרוב פון זיידן ר׳ בעריש הערצגערס צד, אַן אָפּנהיימס. דעם טאָג ווען ער איז אַרויסגעקומען, איז געווען אַ יום־טוב אין הויז.

אַז צום טאַטן זײַנען געקומען פרײַנט ייִנגעלייט, זײַנען זיי געקומען שמועסן אין לערנען, איז דער טאַטע געבליבן מיט זיי אין זײַן שטוב. אַזוי עס אָבער געווען גלאַט אַזוי צו שמועסן חסידות, שיחות חולין, האָט ער ליב געהאַט אַרויסצוגיין אין געוועלב, שטעלן זיך פון פאַרנט, נישט הינטער דער טאַשעוואַניע, אַרויסקוקן אין גרויסן, רחבותדיקן מאַרק אַרויס און שמועסן.

די מאַמע האָט עס נישט געליטן:

— דו וועסט שוין זען, זיי קומען נישט גלאַט שמועסן. זיי קומען „אָפּקוקן״, „שפּיאָנירן״... וועסט שוין זען, ס׳וועט זיך אַ נײַ געוועלבל עפענען, ווי יאָסל זשאַרנאָוצערס הינטער בערג, ווי יצחק בריל אין ראַגגעסל.

אַז ישראל־יצחק אָפּנהיים איז אַרויסגעקומען, זײַנען זיי געשטאַנען שעהן אין געוועלב און געהאַלטן אין איין שמועסן. דער טאַטע איז דעמאָלט עפּעס



ווי ייִנגער געוואָרן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן עול. די זשיטאָמיר גמרא איז געלעגן אָפן אויפן טיש מיטן טאַשנטיכל אויף איר אַלס „עירוב״.

ישראל אָפּנהיים איז געווען אַ שלאַנקער, אַ צאַרטער, גערעדט מיט אַסך מתיקות און זיך צוגעהערט מיט שטילער פרײַנטלעכקייט, קוקנדיק דעם טאַטן אין די אויגן אַרײַן. און דער טאַטע האָט געהאַט כסדר „אײַנפאַלן״, און מ׳האָט געזען, אַז ער האָט הנאה פון זיי.

איך האָב אויפגעכאַפּט ווערטער, די ווערטער „ראַדאָמסק״, „דער תפארת שלמה״, דער „חסד לאברהם״.

ישראל יצחק איז געבליבן בײַם מיטאָג. די מאַמע האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער „דינסטמויד״, זי איז כסדר אַרײַנגעלאָפן אין קיך און צוגערופן דעם טאַטן:

—אַז מ׳וועט עמעצער אַרײַנקומען, וועסטו מיך רופן. — און ישראל־יצחקן אויך צוגעוואָרפן אַ פרײַנטלעכן בליק.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגערופן געוואָרן צום עסן, איז דער טיש געווען געדעקט איבערן גאַנצן טיש:

ישראל־יצחק, אַ ליבער גאַסט איז בבחינת שבת.

— כ׳פיל מיך טאַקע שבתדיק, אַז איך קום אַרויס צו דיר דאָ, בעריש.

— גייט אײַך וואַשן. נאָכן עסן וועט איר האָבן פרישע כחות צו שמועסן...

די צוויי חברים האָבן זיך אָנגעקוקט און געשמייכלט. עס איז געווען אַ שטאָך מיט אַ קאָמפּלימענט: מײַן טאַטנס שוואַכקייט צו האָבן אַ גוטן שמעס, מיט אַ קלוגן פרײַנט, מיט אַ חבר איז געווען אין לשער. — דאָס איז געווען זײַן אָפּרוען זיך פון ספר.

די מאַמע פלעגט די שוואַכקייט אָפּטמאָל נישט גורס זײַן, ווײַל מ׳פלעגט טאַקע אַרײַנקומען כלומרשט אַ שמועס טון און אונטערקוקן דעם גאַנג פון די געשעפטן; וויאַזוי מ׳נעמט אויף אַ קונה, וועלכע סחורה ס׳איז איצט אין מאָדע. אפילו אירע אייגענע ברידער פלעגט די מאַמע נישט טרויען ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַזעלכע „קלייניקייט״.

— דו רעדסט דיר אײַן, — האָט דער טאַטע איר געזאָגט.

ישראל־יצחק איז געווען אַן אויסנאַם!

איינמאָל נאָך אָפּנהיימס אָוועקפאָרן האָט דער טאַטע מיר דערציילט:

— באַלד נאָך דער חתונה איז ישראל־יצחק שטאַרק קראַנק געוואָרן, שוין געווען אַ נוטה למות. ער האָט געשיקט נאָך מיר: „פאָר תיכף־ומיד נאָך ראַדאָמסק און זע כ׳זאָל געזונט ווערן״. כ׳האָב געכאַפּט דעם ערשטן צוג און בין געפאָרן. ס׳איז נאָך געווען אין „חסד לאברהם׳ס״ צײַטן.

כ׳בין געקומען, געלאָזט שרײַבן אַ „קוויטל״ פאַר ישראל־יצחקן, מ׳האָט מיך אַרײַנגעלאָזט. דער רבי האָט מיר געגעבן שלום. דער רבי האָט אַ קוק געגעבן אין קוויטל אַרײַן און זיך אויסגעדרייט צום פענסטער. כ׳האָב געוואוסט וואָס ישראל־יצחק האָט מיר געזאָגט. כ׳האָט דערזען זײַנע ברענענדיקע „שכיב מרע״־אויגן, כ׳האָב אָנגעהויבן צו רייִדן — כ׳ווייס נישט ווי כ׳האָב דאָס האַרץ

געגומען: ס'איז זיכער געווען דער כח אפצוראטעווען א חבר פונם זיכערן טויט; ס'איז אויך גוט געווען וואס דער רבי איז געשטאנען מיטן רוקן צו מיר. כ'האב געוואָרט: „ישראל-יצחק, ערשט ראש-השנה, שנה ראשונה . . . אַ תכשיט . . . די טייערע כלים וואָס ער האָט . . .״

דער „חסד לאברהם״ האט זיך א דריי אויס געגעבן צו מיר מיט — קאָן מען דען זאָגן, חלילה, רוגזה? — זיינע גוטע אויגן אין טרערן: „דו מיינסט דו רעדסט צו א וואנט?!״

איך בין אנטלאפן פון שרעק, אפילו זיך נישט געזעגנט. גלייך געלאפן צום צוג און האב געוואוסט, אז איך האב געפועלט. ווען כ'בין אהיימגעקומען, איז דער קריזיס געווען פאריבער.

דו זעסט, — האט ער אויסגעלאזן — אזוי ווייט מוז גיין חברשאפט, ביז מסירת-נפש. מיין ריידן דעמאלט צום רבין איז געווען מסירת-נפש . . . איך אדער ישראל-יצחק . . . און דער רבי האט עס דערפילט.

* * * * *

עפעס איז די מאמע, מיט איר פיקס-אידעע, יא גערעכט געווען. אז יצחק בריל איז אריינגעקומען, האט ער טאקע אזוי אויסגעזעען ווי ער וויל „שפאצירן, אונטערקוקן״. דער עיקר דאָס „מיט די ביכלעך״, כאַפּן דעם שכל דערפון . . . אויך אין דער מחלוקה צווישן שוחט מיט די קצבים האָט ער געקענט אריינוואַרפן אזא מין קנייטש, וואס האט געקענט אנצינדן א פייער: געהייסן האט עס, אז ער האט ערגעץ א גרערער יינגנמאַן, וואס וואלט דא אהערגעקומען צו ווערן שוחט שני.

די מחלוקות האָבן עגוואַקסן. איינמאָל נאָך אַ באַזוך פון וואלבעראמער רבין.—אַ גאַנצן שבת האָט מען געטראָגן קוגלען, געקוילערט פעסלעך ביר דעם בארג-אַראָפּ צו אברהם-יידעלען, — האָט מען געפונען אברהם-יידלס זון, דעם קצב, ער איז געווען יחיאל בעקערס איידעם,—שבת-צו-נאכטס א צעשלאגענעם הינטערן שחט-הויז. צעשלאָגן זאָלן אים האָבן בייזע צינגער גערעדט, — זלמן בעקערס צוויי זין, וואָס זיינען געווען יצחקס צוויי שוואָגערס. מ'האָט געשמועסט, אַז ס'האָט שוין געהאַלטן דעמלט, אַז ר' אַלטער וואלבעראמער'ס איינעם זאָל קומען און ווערן מורה-הוראה אין טשעלאדזש.

(שלוס אין קומענדיקן נומער)

רעדאַקציע נאָטיצן:

1. דער קומענדיקער נומער „לשון און לעבן״ וועט זיין אַ טאָפּלטער לכבוד ראש-השנה, און אַלע „קולטור-ידיעות״ פון די לעצטע צוויי חדשים וועלן אַריינקומען אין דעם נומער.

2. מיר בעטן אונזערע פריינט און אַבאָנענטן אַריינצושיקן באַצייטנס די ניי-יאָר וואונטשן, כדי דער ראש-השנה נומער זאָל קענען זיין אַ וואָס גרעסער.

יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס: דער שבת, דעם 22-סטן יולי, איז געווידמעט דער פערזענלעכקייט און דעם שאַפן פון דעם גרויסן נפטר י. י. טרונק, ע״ה.

## וגם סרבציוס זכר . . . .

מילא, וואָס מען וועט מאַכן מיט אייכמאַנען,
דאָס איז נישט מיין עסק — „יש דין בישראל״!
ערשט אַצינד אינם אייגענעם עברית-לאַנד,
אַז שוין אַזוי געזאָגט גלות-ייד אַמאָל.

בלויז פאַר סערוואַציוסן, זיין פאַרטיידיקער,
האָב איך באמת אַ גאָר גוטן געדאַנק:
זעצט אַריין אים אין דעם גלעזערנעם קאַסטן,
איי אַביסל צו דיקלעך, נישט גענוג שלאַנק;

ער איז דאָך נישט פון גלאָז, טוט אַ שטופּ במחילה,
און מיט זיין ביר-בויך וועט ער שוין מיט אַריין,
זיין „דויטשלאַנד איבער אַלעס״-געזאַנג
נישט בלויז פאַר אים אַליין אַ רעקלאַמע זיין —

אַן אַדוואָקאַט, אַ וועלט-חכם אַ רוצח
פון 6,000,000 מענטשן פאַרטיידיקט ער האָט,
נאָר פאַר זיין גאַנץ פאָלק: זעט, נישט בלויז ס'קאָן מאָרדן,
צומאָל דאָס קרבן באַשפּייט עס און באַשפאָט.

---

דריי נייע ביכער:

„די שבחים פון ר' שמואל און ר' יודא חסיד״, פון דר. יעקב מייטליס, פרייז 21ש. צו באַקומען אויף דער אַדרעס: נאַראָד פּרעס, 129-130 קאַוועל סט., א.1.

„תמונות מחיי עמנו״, פון בן-צבי בערנשטיין פרייז 20ש. אַדרעס: בן צבי בערנשטיין, 167, אַמהערסט ראָד, א.5.

„וויטשעפל שטעטל דבריטן״ פון א. נ. שטענצל „לשון און לעבן״, 17 דעלאַמער בילדינגס, קאָלינגוואוד סט., א.1. פרייז 30ש.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן״

| | |
|---|---|
| „וויטשעפל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער-קאַראַוואַנען״, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט״, שמואל וואהייט | 7/6 |
| יובל-אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

## ערנעסט העמינגוועי

(לייענענדיק זיין דערציילונג „דער אַלטער און דער ים“

די שענסטע חיה, די שטאַרקסטע, ווילדסטע,
אַוועקגעלייגט מיט זיין לעצטן שאָס !
וואָס צאָן פון הייפיש, גראַטשעס פון טיגער,
קייגן שאַרף־געשפּיצטן שליף פון אות ?

ראַנגלען זיך מיט אַ לייב, מיט אַ מזל־שור — —
בלויז בייקומען דאָס מאַזאַליעס וואָרט ?
גאַנצע טשאַטעס כאַרט־הינט רינגלען׳ס אַרום,
אַן שרעק ס׳שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט.

וויפיל הערשן־הערנער אויף זיינע ווענט,
טיגער און בערן־פעלזן אויף דיל — —
אות, הויך אויפגעפלאַטערטער אַדלער־בליק,
מיט איין שאָס געטראָפן גלייך אין ציל.

נישט פליגל־פעדערן, אויסגעשטאָפּטע,
אַריינצוזעצן גלעזערן אויג —
אותיות פון פעדערן אויפגעשריבן,
אויף ברעג אויסגעלייגט ים־פיש רויג.

ווינטן־כוואַליעס לינירן זיך שורות,
עס ציקלט די טריט דער אַלבאַטראָס — —
פאַרהוילן ליכט אין אויסגעהוילטן בליק,
לבנהש פּאַרטיפט, כ׳לייען אות נאָך אות :

„אַלץ געווען אַלט אין אים, נאָר נישט זיין אויג“,
און ווי אַלט־קלוג ס׳זיינען זיינע הענט !
אַזוי אַדורכוורטלען זיך מיט די פיש
ס׳האָט דער הייליקער פראַנס קוים געקענט.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־358) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אויג.־סעפּ. 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

„ויבין כל יצור כי אתה יצרתו“, „שלא יכשלו בלשונם“, גרענעצן תשכ״ב •• 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער פּאַראַדאָקס פון עקדת יצחק) .........
י. ריכטיגער 4
„ממעמקים קראתיך ד׳“ (ליד) ......... שמואל ווהייט 9
דאָס אומגליק (דערציילונג) ......... יהודה ביעטש 9
ביים ים (אַמאָל און היינט) ......... משה בעקערמאַן 16
ביים ים, אָסיען־וואַלד־סימפאָניע (לידער), די מעשה מיטן בער (המשך)
א. נ. שטענצל 18
קולטור ידיעות ......... 51
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג ......... 51

פריינט פון יידיש לשון

## גראַנדיעזער שמחת־תורה באַל

טאַנץ און געשמאַקע יידישע מאכלים

שבת, דעם 7׳טן אָקטאָבער 7.30

אַדלער האָל אַדלער סטר., א.1.

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*